לאַנדרעיעוו
דער וואָס קריגט
פעטש
יידיש
פאַרל. בר. לעווין
וואַרשע
H.BERLEWI

לעאָניד אַנדרעיעוו

דער וואס קריגט די פּעטש

אַפאָרשטעלונג אין פיר אַקטן

יידיש פון אַברהם מאָרעווסקי

פאַרלאַג „ברידער לעווין-עפשטיין און שותפים",
תרפ"א * ווארשע
1921

95

שער־בלאט געצייכענט
פון הענריק בערלעווי.

אלע רעכט אויף דער איבערזעצונג
בעהאלט דער איבערזעצער פאר זיך.

געזעצט ביי ש. פרופעס און י. זעצער ווארשא, לעשנא 6 טעל. 89—299

ה ק ד מ ה

הקדמה.

צוויי אמתען זיינען דער גרונט פון דער גאנצער ריכטונג, אן וועלכער די יידישע בינע מוז זיך פעסט האלטען, אויב איר איז באשערט זיך נארמאל צו אנטוויקלען.

ערשטענס — נאציאנאלע מאטיווען ביים בינען=דיכטער.

דער יידישער דראמאטיקער דארף זוכען די קאנפליקטען פון זיינע דראמאטישע צוזאמענשטויסען אויסשליסלעך אין די קנייטשען פון ספעציפיש=יידישען לעבען, יידישער געשיכטע און יידישע קאליזיען.

צו דער זון פון אלוועלטליכע אוצרות ציט זיך יעדער עפאכע דורך אירע וועגען, יעדער נאציע דורך אירע זארגען און זיפצען.

אונזער בינע=דיכטונג וועט אליין ניט אפטרעטען פון דאזיגען פעסטען כלל, אויב זי וועט זיך ניט באפרידיגען מיט דער לאגע פון נאכקרימערישער ערשיינונג און וועט האלטען ביים ווערען אריגינעל און איינגארטיג. אויפן דאזיגען וועג זיינען שוין די ערשטע טריט געמאכט געווארען, און אין דער צוקונפט לאזט זיך קוקען דרייסט און גאוהדיג.

דער צווייטער אמת פון אונזער בינע=ריכטונג איז דער היפך פון ערשטען.

אויב דער דראמאטיקער מוז שעפען זיינע טעמען נאר אין די טיפענישען פון יידישער פארגאנגענהייט און געגענווארט, דארף אבער דער שוישפילער למען=השם זיך פארנעמען איבער די ברייטקייטען פון אלגעמיינער ליטעראטור און זיך באהויכען מיט די אטעמס פון אלע קלאסישע ווערק, אין וועלכע די אלוועלטליכע בינע האט געשעפט איר אנטוויקלונג.

אַלזאָ —

א) די דראַמאַטורגיע איז נאַציאָנאַל;

ב) דאָס טעאַטער איז אַלוועלטליך.

אָן אַן'אייגענער נאַציאָנאַלער דראמאטורגיע וואָלט דאָס יידיש טעאַטער ניט האָבען קיין נשמה. אָן אַן'אַלוועלטליך = אַנטוויקעלטען שוי=שפּילער וועט די יידישע דראַמאַטורגיע ניט באַקומען קיין פּנים.

אַרויסגייענדיג פון אָט די טעזען, וועלכע שאַפען, נאָך אונזער מיינונג, אַן'אקסיאָמע — האַלטען מיר, אז דער יידישער שוישפּילער מוז האָבען אין זיין רעפּערטואַר אַ ל ץ, וואָס האָט ווען עס איז באַפּייערט די שוישפּילער ביי די אומות העולם, אויסמיידענדיג נאָר דאָס, וואָס איז ספּעציפיש ניט יידיש.

אַ שטייגער: לעסינגס — „מיננאַ פאָן בארהעלם", אָדער טאָלסטאָיס — „מאַכט פון דער פינסטערניש", אָדער טשעכאָוו... זייענדיג פאַר זיך מייסטער=ווערק, האָבען זיי אַ ריין נאציאָנאַלען קאָלאָריט און טאָרען ניט גע=שפּילט ווערען אין איבערזעצונגען: זיי וואָלטען קלינגען פאַלש.

זיי וועט אויך ניט שפּילען קיין קינסטלער פון טעאטער, וואָס פאַר=מאָגט אַ קריטישען חוש און אַ לעבעדיגע באַציהונג צו זיך.

* * *

דאָס ווערק, וועלכע מיר נעמען אויף זיך די דרייסטקייט פאָרצולייגען דעם יידישען רעפּערטואַר אין דער פאָרליגענדער איבערזעצונג, פאַר=נעמט א גאנץ באַזונדערן אָרט אין דער קייט פון טעאַטער=פּיעסען. עס געהערט דעם פּעדער פון אַ שריפטשטעלער, וואָס איז געווען אַ בולטער פאָרשטייער פון זיין צייט און לאַנד, און גלייכצייטיג איז עס איבערפולט מיט מאָטיווען, וועלכע קלינגען, ווי אייביגע, פאַר די יענע, וואָס דערהערען זיי און בלייבען ניט טויב צו זייערע קלאַנגען...

„דער וואָס קריגט די פּעטש" איז אַ ווערק, אין וועלכען עס ציטערען די האַלב=צעריסענע סטרונעס פון דער רוסישער נשמה, פאַר דער רעוואָלו=ציע אָבער עס שפּילט זיך אָפּ אין אַ סביבה, וואָס האָט מיט רוסען און רוסלאַנד קיין געמיינזאמען פּינטעל ניט.

די גאנצע פּיעסע ביים ערשטען קוק איז פאַרוויקעלט, פאַרפּלאָנטערט,

אָבער—בײם תּנאי פֿון ריכטיגער אויפֿפֿאַסונג—מצד רעזשי און אַקטיאָר — איז זי קלאָר, אײנפֿאַך און פּשוט ווי... אַ פּאַטש.

די טענער זײַנען העכסט מאָדערן, די פֿאַרבען און ליניען פֿון גאַנצען קינסטלערישען בוי זײַנען דאָס לעצט=געשרײ פֿון ערב=מלחמהדיגער בונטקײַט. פֿאַר די אויגען און אויערן איז ער אַ מין קאָנגלאָמעראַט פֿון פֿוטוריסטיש=קוביסטיש=בופֿאַנישע צוזאַמענפֿלעכטונגען — אָבער קוקט מען זיך אײַן אין דעם אײַן; שפּיזט מען דורך די בונטע װעבונג מיטן שאַרף פֿון מאַרך, — געפֿינט מען אַן'אײנפֿאַכען, אײביג-טראַגישען מאָטיװ, װעלכער איז אַלע צײַטען גלײַך נאָהנט און װײַט: דעם קאָנפֿליקט פֿון זיך באַזינטען געניוס, װאָס זוכט זײַן אָרט אין צײַט פֿון בראשית ביז הײַנט און געפֿינט אים נאָר אין קאָמפּראָמיסען, װאו ער הערט אויף צו זײַן דאָס, װאָס ער איז...

ניט צופֿעליג און ניט אומזיסט האָט די פּרעסע אָנגענומען דאָס שטיק מיט אַן'אונגעהערטער לײַדענשאַפֿטליכקײַט. סײַ די ליבער, סײַ די זידלער האָבען ניט געקאָנט רײדען קאַלטבלוטיג װעגען דעם װערק: זײַן פֿאַרנעם האָבען דערפֿילט אַלע.

און עס האָבען זיך אַנטציקט די, װאָס האָבען עס פֿאַרשטאַנען ביזן סוף.

און געערגערט האָבען זיך די, װער עס האָט דערזען די דרײסטקײַט פֿון פֿאַרנעם, ניט קאָנענדיג אויסשעפּען די טיפֿקײַט פֿונם אינהאַלט.

לויט אונזער איבערצײגונג איז „דער" אַ קלאַסיש װערק. די אויפֿפֿירונג אין דער „װילנער=טרופּע", האָט אונז באַװיזען, אַז עס איז אַ גלענצענ-דע אויפֿגאַבע פֿאַר הײַנטיגען יידישען טעאַטער. זײענדיג אַ מײַסטער-װערק פֿון רוסישער ליטעראַטור, איז די פּיעסע אוניװערסאַל, אַלװעלט=ליך לויט איר מיליע און האַנדלונג; געבענדיג אַ ברײטען שטח פֿאַר דער פֿאַנטאַזיע פֿון בײַגײענדיגע בינע=קונסטען: דעקאָראַציע, מוזיק, גרופּען — און מאַסען סצענעס, איז די פּיעסע אַ דאַנקבאַר פֿעלד פֿאַר דעם רעזשי און גלײַכצײַטיג פֿאַרמאָגט זי אַ רײַכען ראָלען=מאַטעריאַל, אין װעלכען די ראָלע פֿון „דערען" איז אַן'אויפֿגאַבע, װאָס טרעט ניט אָפּ פֿאַר די שענסטע אין שװערסטע מוסטערן פֿון װעלט=רעפּערטואַר

* * *

בײַם איבערזעצען די פּיעסע האָבען מיר געהאַלטען פאַר אומבאַדינגט נויטיג צו פאַרהיטען דעם ספּעציפישען סטיל פון אָריגינאַל, דהיינו: זײַן,— זאָל ערלויבט זיין צו זאָגען — נעווראסטענישקײַט אין בוי. פון פילע פראַזען אין װעלכער עס שפּיגעלט זיך אָפּ די צובראָכענקײַט פון דער ערב־מלחמהדיגער גײַסטיגער קאָנצעפּציע. דאָס האָט אונז געצוואונגען עפּטליך צו איבערזעצען װערטערליך אפילו דאַן, װען ס'דוכט זיך, אַז עס קומען אַרויס ניט יידישע, ניט בויגזאַמע פראַזען. זאָל דער לעזער װיסען, אַז אַזוינע פראַזען זײַנען בײַ אַנדרעיעװן ניט רוסיש.

א שטײגער:

Можно, когда здороваешься и прощаешься, а по-

לחלוטין ניט רוסיש. середине нельзя

אָדער каждые глаза

אָדער ты будешь смотрѣть меня?

אויף רוסיש זאָגט מען: Смотрѣть на меня

אַ ספּעציעלער אויסדרוק איז „Смотрѣть невѣсту",

פון דעם האָט זיך אויסגעבילדעט ביסלעכװײַס אַזוינע אויסדרוקן װי:

Смотрѣть процедуру,

Смотрѣть спектакль,

Смотрѣть актера,

אָבער Смотрѣть меня

דאָס איז גאַנץ באַשטימט אַנ'אומדערלאָזבארער באַרבאַריזם. אָבער װי באַלד אים דערלאָזט אַנדרעיעװ, אָנגעפירט פון דער צײַט און פּסיכיק, האָבען מיר געהאלטען פאַר נויטיג עס אײַנצוהאלטען אין יידישען טעקסט. אין אַ גאַנצע רײַ אַזוינע שטעלען ערקלערען זיך אויסשליסליך מיטן כאַראַקטער פון אָריגינאַל.

אויסער דעם װעט דער לעזער טרעפען אַ רײַ װערטער און באַגריפען, װעלכע װעלען—װאַרשײַנליך—ערטערװײַס שײַנען פאַר ניט פּאַסיגע, אָדער אומגעריכטע.

מיר האַלטען, אַז באגריפען, וואָס האָבען ביי אונז באַקומען א ספּעצי=
פישען ביי=טעם, אַדאַנק דער סביבה פון געברויך, מוזען אָפּגעהאַשט
ווערען פון זייער שימעל און אויפגעשטעלט ווערען אין זייער נאַטיר=
ליכען גלאַנץ. למשל — „מלכה".
„מלכה" איז קעניגין Regina... מיר זיינען געוואוינט צו פאַרבינדען
דעם נאָמען „מלכה" מיט די געשטאַלטען פון באַשיידענע, עפּטליך
פאַרוואָגעלטע מיידלאַך אין די פאַרגרעבטע גאַסען אונזערע, אָבער
דאָס איז נאָר אַ פאָראורטייל פון געטאָ.
בעת מיר האָבען צו טאָן מיט גדלות, מיט אימפּאָזאַנטער מאַיעסטעטיש=
קייט פון אַזאַ געשטאַלט ווי קאָנסועללאָ, אָדער זינידע, דאַרפען מיר
דעם פאָראורטייל אָפּוואַרפען און נעמען דאָס וואָרט אַזוי ווי עס איז.
דאָסגלייכען אין אַנדערע פאַלען.
ניט געשטערט האָבען מיר זיך אויך מיט דעם, וואָס אנדערע באַגרי=
פען זיינען גאַנגבאַר אין איין קאַנט און ניט גאַנגבאַר אין א צווייטען,
ווי למשל: „אָשוסט", מיר באַהויפּטען, אַז די שפּראַך קאָן ווערען באַ=
רייכערט נאָר באַנוצענדיג אַלע שאַטירונגען, וואָס זי פאַרמאָגט. אין
פּראָצעס פון איר שאַפען פאַרנעמט די בינע א פאַראַנטוואָרטליכען אָרט.
און דער בינע אײַלען מיר זיך צו ברייגען אונזער דאָזיגער אַרבעט.
זאָלען זיך באַפלאַמען יידישע טעאַטער=קינסטלער מיטן פייער פון
אַנדרעיעווס גלענצענדען ווערק, און זאָל יעדער מיט זיינע פאָרשריטען
אויסבעסערען די חסרונות פון אונזער באַשיידענע אַרבעט.
מיר זיינען אינגאַנצען געבליבען טריי דעם גייסט פון אָריגינאַל, פון
וועלכען מיר האָבען ניט ווילענדיג אָפּגעטראָטען אין סצענע צווישען
קאָנסועללאָ און דערן אין צווייטען אַקט, וואו דער, זונענדיג רייכער
פּאַטאָס פון דערס מאָנאָלאָגן, האָט זיך ביי אונז אומגעריכט אויסגעגאָ=
סען אין אַ ריטמוס פון יאַמבוס, בעת ביי אַנדרעיעוון איז עס איינפאַ=
כע פּראָזע.
דערפאַר אַנטשולדיגען מיר זיך.

דער וואס קריגט די פּעטש

ערשטער אקט

M. ZETPCYGER

אין צירק.

אויף דער בינע — אַ גרויס, זאָגאַר זייער גרויס, שמוציגלאַך צימער מיט געטינקעוועטע ווענט; אין דער לינקער וואַנט, אין אַנ׳אַרקען-נישע, דאָס איינ־ציגע פענצטער ערגיץ-וואו אין הויף — דאָס ליכט איז קאַרג און טונקעל אַזוי, אַז עס קומט אויס אָנצינדען די עלעקטרי אַפילו בייטאָג. אין וואַנט, קעגען דער ראַמפּע, נאָר אויבען — אַ ריי קליינע פענצטערלאַך מיט פאַרשטויב־טע שויבען: די פענצטער קומען אַריין ערגיץ אין צירק גופא, און אין אָוונט, בעת דער פאָרשטעלונג, זיינען זיי העל באַלויכטען, בייטאָג אָבער — פינצטער. אין דער זעלבער וואַנט, איבער צוויי שטיינערנע טרעפּלאַך, איז אַ גרויסע פאַרשלאָגענע טיר, אַן אָפּגעקאַלכטע. אין דער רעכטער וואַנט, כמעט אין ווינקעל, פירט אַ הויכע און ברייטע טיר אָן פילאָנגעס מיט אַ רונדען אויבען-טייל אין שטאַל און אויף דער אַרענע; בייטאָג איז דאָרטען פינצטער־לאַך, אין אָוונט שוואַך באַלויכטען.

דאָס צימער נוצט פאַר כלערליי געברויכען. דאָ איז דעם דירעקטאָר, פּאַפּאַ בריקעס, קאַבינעט — עס שטייט זיין קליינער שרייב-טישעל; דערביי איז די גאַרדעראָבע פון עטליכע אַרטיסטען, און דאָ קלייבען זיי זיך צונויף בעת דער פאָרשטעלונג און פראָבען. אַהער וואַרפט מען אויף אַלטוואַרג, עפּיס צובראָכענע באַגילטע שטולען, דעקאָראַציעס צו דער פאַנטאָמימע, פאַרשיידענע קלייניקייטען פון צירק-געברויך. אויף די ווענט בונטע אַפישען-פּלאַקאַטען.

פרי-מאָרגען.

אין צירק גייען די פראָבען און פאָרבאַרייטונגען צו דער אָוונט-פאָרשטעלונג.

אַז דער פֿאָרהאַנג עפֿענט זיך, הערט מען ווי אויף דער אַרענע קנאַקט דער בײַטש און ס׳שרײַט דער באַרײַטער. אַ ווײַלע איז די בינע לײדיג, נאָכדעם באַווײַזען זיך צוויי מוזיקאַלישע קלאָאונען, טילי און פּאָלי, וועלכע שטודירען אַ נײַעם מאַרש. שפּילענדיג אויף קלײנע פּײַפּעלאַך, גײען זיי פֿון דער פֿינצ־טערער טיר צום פֿענצטער; די קלאַנגען זײַנען אַנגענאַטע, נאָר קורצע, און פּונקט אַזוי קורץ און קלאָאוניש אָנגעבלאָזען זײַנען זײערע שריט. אָנגעטאָן זײַנען זיי אין מאַרינאַרקעס, ענליך אײנער צום אַנדערן מיט די ראַזירטע פּנימער און מיט זײער וואוקס; בײַ ייִנגערען, טילי, אויפֿן האַלז איז אַ
נעשטריקטער שאַל, די הוט אַוועקגערוקט אויף הינטען.

דערגאַנגען ביזן פֿענצטער, — האָט טילי זיך אַ קרים געטאָן, וואָס הינטערן
פֿענצטער איז — די קלאָאונען קערען זיך אום צוריק, מאַרשירען.

פּאָלי: (בלײַבט שטיין)

האַלט! ווידער פֿאַלש. האָרך מיך.

שפּילט אַלײן אויף דער פּײַפּעלע פֿאַר טילים פּנים; טילי האָרכט צעשטרײַט. קראַצענדיג דעם נאָז.

פּאָלי:

אָט! נו?

בײדע שפּילען און גײען. אין מיר טרעפֿען זיי זיך מיטן דירעקטאָר און מאַנטשיני, וועלכער גײט פֿון הינטען, בײַסענדיג דאָס באַגילטע קעפּעל פֿון שטעקען. גראַף מאַנטשיני איז דאַר, דין, אָפּגענוצט פֿון אויבען ביז אַראָפּ, נאָר פֿאַרקנעפּעלט און האַלט זיך מיט דער גרעסטער עלעגאַנץ; ער האָט ליב צושפּילען זיך אַריסטאָקראַטיש מיט זײַן שטעקען, אָנגעטאָן פֿאַרבלענדענדיגע פּאָזעס, אָפּט לאַכט ער, און דערבײַ ווערט זײַן שאַרפֿער, דאַרער פּנים פֿאַר־קרימט אין אַ גרימאַסע פֿון אַ סאַטיר. דער דירעקטאָר — פּאַפּאַ בריקע — איז אַ נישט הויכער, דיקער, רויגער מענטש מיט אַ ביסעל נישט פֿעסטען
הלוך.

די קלאָאונען טרעטען אָפּ דעם וועג; דער דירעקטאָר ניט ווי פֿרענענדיג אַקוק אויפן עלטערן.

פּאָלי. (ברעכענדיג דעם לשון)

אונזיער מיוזיק מוראַשקען-מאַרש צו דער פּאַנטאָמימע.

בריקע.

אַ!..

גייען זיך פונאַנדער. די קלאָאונען הויבען אָן שפּילען, נאָר פּאָלי שטעלט זיך אָפּ און גייט צוריק. הינטער אים דער יינגערער אויך.

פּאָלי

פּאַפּא בריקע, זשאַק אַרבעט היינט שלעכט.

בריקע.

פֿאַרוואָס?

פּאָלי.

אים טוט וויי אין האַלז. גיב אַ קוק, וואָס אים איז.

בריקע.

קום אַהער. עפען אָקאָרשט אויף ברייטער, ברייטער! (שטעלט אוועק דעם קלאָאון פֿאַרן ליכט, ביים פענצטער און קוקט אים אַנגעכמורעט אין האַלז) באַשמיר מיט יאָד.

פּאָלי.

כ'האָב געזאָגט, ס'איז גאָרנישט, נו?

שפּילענדיג גייען זיי אַוועק מיט די זעלביגע קליינע און באַדייטענדיגע טריט-לאַך. דער דירעקטאָר זעצט זיך, מאַנטשיני האָט ביי דער וואַנט אָנגענומען אַ פּאָזע און שמייכעלט, ווי מיט חוזק.

מאַנטשיני.

דו הייסט זיי אויך? זע, פּאַפּא בריקע, דו האָסט ניט קיין דיפלאָם.

ברִיקע.

קלײנע עצות. זײ זײַנען אַלע זײער עמפּינדליך.

מאַנטשיני.

ער האָט פּשוט פאַרבּרענט די האַלז מיט אַבסענט: די בײדע שפּורען אַלע נאַכט. פּאַפּאַ בּריקע, איך וואונדער זיך אויף דיר, דו פאַרהיטעסט דאָ ווײניג די גוטע מדות. (לאַכט).

בּריקע.

דו האָסט מיר דערעסען, מאַנטשיני.

מאַנטשיני.

גראַף מאַנטשיני איז צו אײער דינסט.

בּריקע.

דו האָסט מיר דערעסען, גראַף מאַנטשיני, אומעטום קריכסטו און שטערסט די אַרטיסטען אַרבּעטען. זײ װעלען דיר ווען עס איז, אָנקלאַפּען די זײַטען, און איך וועל זיך ניט אָננעמען.

מאַנטשיני.

ווי אַ מענטש פון אַנ'אַנדער קרײַז און ערציִונג, קאָן איך זיך ניט באַציִען צו דײַנע אַרטיסטען, ווי זײער גלײַכען. וואָס מײנסטו, בּריקע? דיר טו איך אויף אַ כּבוד, רײדענדיג מיט דיר אַזוי פאַמיליאַריש און גאָר אײנפאַך...

בּריקע.

נו, נו!..

מאַנטשיני.

איך לאַך דאָס. נאָר אויב זײ וועט זיך פאַרגלוסטען אָנפאַלען אויף מיר, האָסטו געזען אָט -- דאָס, אַ? (שלעפּט אַרויס פון שטעקען אַ שטילעט, שפּילט זיך מיט אים) אַ נוצליכע זאַך! ווײסט וואָס פאַר אַ מײדעלע אין' האָב נעכטען געפּאַקט הינטערן שטאָט? (לאַכט). נו, נו, דו האָסט עס דאָך נישט ליב, יעדער האָט זײַן געשמאַק. אָבער הער אויס — דו דאַרפסט געבּען הונדערט פראַנק.

בּריקע.

נישט אײן סאַנטים.

מאַנטשיני.

נעם איך קאָנסועלאָן. געעקט!

בריקע.

דאָס זאָגסטו אַלע טאָג.

מאַנטשיני.

איך זאָג, איך זאָג! דו וואָלסט אויך געזאָגט, אַז דו וואָלסט זיך אַזוי מיאוס געוויטיגט ווי איך. ניין, הער אויס — איך מוז דאָך אָבער אונטערהאַלטען דעם גלאַנץ פון מיין נאָמען, אַ? און אויב די אומגליקען פון מיין שטאַם האָבען געבראַכט דערצו, אַז איך האָב מיין טאָכטער, די גרעפין וועראָניקע, געמוזט מאַכען פאַר אַ רייטערין... צוליב דאָס שטיקעל ברויט! צוליב דאָס שטיקעל ברויט, פאַרשטייסטו עס, גולם!..

בריקע.

דו שווענדעסט צופיל אויף מיידלאַך. און דו וועסט אַריינפאַלען אין תפיסה, מאַנטשיני!

מאַנטשיני.

אין תפיסה! ניין, זאָגער איך מוז דאָך אונטערהאַלטען דעם גלאַנץ פון מיין שטאַם? (לאַכט) די מאַנטשיניס זיינען אין גאַנץ איטאַליע באַקאַנט מיט דעם, וואָס זיי האָבען געליבט מיידעלאַך, נאָר מיידעלאַך, — נו, און איך בין דען שולדיג, וואָס מיר קומט אויס צו צאָלען משוגעתדיגע געלטער פאַר דעם, וואָס מיינע אבות פלעגען קריגען גאָר אומזיסט? דו ביסט אַן'אייזעל, אַ פאַרוועני, דו פאַרשטייסט נישט וואָס דאָס איז אַזוינס טראַדיציעס פון אַ שטאַם. איך טרינק ניט, כ'האָב גאָר איינגאַנצען אָוועקגעוואָרפען קאָרטען נאָך יענעם צופאל... נו, נו, אָן געלעכטערלאך! — און אויב איך וועל זיך נאָך אַנטזאַגען פון מיידעלאַך, וואָס וועט בלייבען פון די מאַנטשיניס? דער בלויזער הערב! נו, הער אויס נו צוליב די טראַדיציעס — גיב הונדערט פראַנק!

בריקע.

איך האָב געזאָגט, איך וועל ניט געבען און וועל ניט געבען.

מאנטשיני.

אָבער אַ גאַנצע העלפּט פון געהאַלט גיב איך דאָך אָפּ קאָנסועללאָן..
אָדער דו מיינסט, אַז איך ליב נישט מיין קינד, מיין בת־יחידה,
וועלכע איז מיר געבליבען אַ לעצטער אָנדענק אָן איר הייליגער
מוטער? וואָס פאַר א האַרטהאַרציקייט!

מאַכט זיך ווי ער וויינט און ווישט אוים די אויגען מיט אַ שמוציג שפּיצענע
טיכעל מיט אַ קרוין.

בריקע.

זאָג בעסער, אַז זי איז אַזאַ נאַר און גיט דיר אָפּ א העלפּט
געהאַלט. ביסט מיר דערעסען!

ס'קומט אַריין זינידע, אַ דרעסירערין פון חיות, אַ ברעגעדיג שיינע, גוט געבוי־
טע פרוי, מיט רויג באַפעלענדיגע באַוועגונגען, וועלכע ווייזען אוים פון ערש־
טען בליק ווי פון פוילקייט. זי איז דעם דירעקטאָר בריקעס ניט־געזעצליכע פרוי־

זינידע. (צו מאנטשיני)

גוט מאָרגען!

מאַנטשיני.

מאַדאַם זינידע! זאָל דער באַרבאַר, זאָל אָט די געמיינע נשמה
מיך מיטן מעסער דורשטעכען, נאָר אַפּילו אין זיין געגענוואַרט
קאָן איך ניט איינהאַלטען דעם אויסברוך פון מיין ליבע. (שטעלט
זיך ווי א פאיאַץ אויף די קני) מאַדאַם, גראַף מאַנטשיני בעט איין דעם
כבוד צו זיין פרוי.

זינידע (צו בריקע)

נאָך געלט?

בריקע.

יאָ.

זינידע.

גיב נישט.

זעצט זיך מיד אַוועק אין ווינקעל פֿון צעריסענעם דיוואַן און פֿאַרמאַכט די אויגען. מאַנטשיני שטייט אויף און טרייסעלט אָפּ די קני.

מאַנטשיני.

הערצאָגינע! — זייט ניט אַזוי האַרטהאַרציג. איך בין ניט קיין לייב, ניט קיין טיגער, ניט קיין ווילדע חיה, וועלכע איר זיינט געוואוינט צו דרעסירען, — איך בין פשוט אַ באַשיידענע היימישע בהמהלע, וואָס וויל... מניאַ, מניאַ — עסען גרינע גרעזלאַך.

זינידע. (נישט עפּענענדיג די אויגען)

מיר האָט דזשים געזאָגט, אַז דו האַלסט פּאַר קאָנסועללאָן אַ לערער, צו וואָס איז דאָס?

מאַנטשיני.

די זאָרגען פֿון אַ פאָטער, הערצאָגינע, די זאָרגען און די ניט אויפֿהערענדיגע דאַגות פון ליבענדיגען האַרצען. די משונהדיגע אומגליקען פֿון מיין שטאַם, אין וועלכע איך בין אויסגעוואַקסען, האָבען אין איר בילדונג אויך איבערגעלאָזט אַ ביסעל לעכער. פֿריינד מיינע! דעם גראף מאנטשיניס טאָכטער, די גרעפֿין וועראָניקע, קען קוים דעם אַלף־בית, איז עס דערלאָזבאר? און דו, בריקע, דו געמיינע נשמה, פֿרעגסט, צו וואָס איר דאַרף געלט!

זינידע.

ער דרייט.

בריקע.

וואָס לערנסטו איר?

מאַנטשיני.

אַלץ. צו איר פֿלעגט קומען אַ סטודענט, נאָר איך האָב אים נעכטען אַרויסגעטריבען: האָט זיך פֿאַרליבט אין קאָנסועללאָן און געמיאַאוקעט הינטערן טיר ווי אַ קאָטער. אַלץ, בריקע, וואָס

דו קענסט ניט. ליטעראטור, מיטאָלאָגיע, אָרטאָגראַפיע...

ס'קומען אַרײַן צװײ יונגינקע אַרטיסטינס, אין פוטערלאך איבער די לײַכטע קאָסטיומען און זעצן זיך מיד אַװעק אײנע נעבן אַנדערע אין װינקעל.

מאַנטשיני.
איך װיל ניט, אַז מײַן טאָכטער...
זינידע.
ער דרײט.
בריקע.
ביסט אַ נאַר, מאַנטשיני! צו װאָס טוסטו עס? (מוסרנדיג) ביסט שרעקליך נאַריש, מאַנטשיני, צו װאָס דאַרף זי די קענטעניש? קוים איז זי דאָ, דאַרף זי גאָרנישט װיסען װעגען יענע, פאַר־שטײסט? װאָס איז אַזױנס געאָגראַפיע? דיר װעט יעדער אײנציגער זאָגען, אז ס'איז גאָרנישט. און איך װאָלט געװען צװײ מאָל גליקליכער, װען איך קען ניט קײַן געאָגראַפיע. אַז איך װאָלט געװען אַ מיניסטער, װאָלט איך אינגאנצען פאַרװערט אַרטיסטען צו לײענען ביכער: זאָלען זײ לײענען אַפישען און מער גאָרנישט!...

בעת בריקעס דרשה קומען אַרײַן בײדע קלאָאונען און נאָך עפּים אַניאַרטיסט: זײ זעצען זיך שטיל און מיד פונאַנאַנדער.

בריקע
איצטער איז דײַן קאָנסועללאָ אַנ'אויסגעצײכענטע אַרטיסטין, און אַז דו װעסט איר אויסלערנען מיטאָלאָגיע, און זי װעט אָנהויבען לײענען, װעט זי װערען אַ טענצערין א צולאָזען מײדעל, און װעט זיך דערנאָך פאַר'סמ'ען. איך קען זײערע ביכער, כ'האָב אַלײן געלײענט, זײ לערנען נישט מער װי זײַן צולאָזען און װי זיך נאָך דעם אַ מיתה אָנטאָן.

ערשטע ארטיסטין.

און איך האָב ליב די ראָמאַנען, וואָס אין די צײַטונגען.

בריקע.

ביסטו אַ נאַר, ועסטו פֿאַרפֿאַלען גײן. גלויבט מיר, פֿרײַנד מײַנע: וועגען דעם, וואָס איז דאָרטען, דאַרפֿען מיר אַלע פֿארגעסען. קענען מיר ווען עס איז פֿאַרשטײן, וואָס דאָרט טוט זיך?

מאַנטשיני.

דו ביסט אַ פֿײַנט פֿון בילדונג! אַנ'אַבסקוראנט ביסטו, בריקע!

בריקע.

און דו ביסט אַ נאַר! לאָמיר דיך פֿרעגען, דו ביסט פֿון דאָרטען: וואָס האָסטו זיך דאָרטען אויסגעלערנט?

די אַרטיסטען לאַכען.

בריקע

וואָלסטו אָבער געבאָרען געוואָרען אין צירק, ווי איך, וואָלסטו עפּיס געקענט. בילדונג איז נאַרישקײטען און מער גאָרנישט. פֿרעג זינידען, זי קען אַלץ, וואָס מען קען דאָרטען, סײַ געאָגראַפֿיע, סײַ מיטאָלאָגיע, איז זי פֿון דעם געוואָרען גליקליכער? זאָג זשע, טײַערע.

זינידע.

לאָז מיך צורו. לואי!

מאַנטשיני. (מיט כעס)

גײ צום טײַוועל—ענדליך, אַז איך האָרך דײַן פֿילאָזאָפיע פֿון אַנ'איזעל, ווילט זיך מיר פֿון דיר אַראָפּשנײַדען ניט קײַן הונדערט פראַנק, נאָר צוויי הונדערט טויזענט! גאָט מײַנער, וואָס פֿאַר אַנ'איזעל, הגם אַ דירעקטאָר! אָט זאָג איך זיי אין די אויגען: ווייניג צאָלסטו קמצן, דו דאַרפֿסט דערליי־גען קאָנסועללאָן הונדערט פראַנק. הערט ערליכע בעטלער: ווער זאַמעלט אָן יעדען אָווענט אַ פולען צירק? איר, צוויי מו־

זיקאָלישע אייזלען? די טיגערס, די לייבען? בויטיג דאַרף ווער האָבען די הונגעריגע קעץ...

זינידע.

לאָז די טיגערס צורו.

מאַנטשיני.

אַנטשולדיג, זינידע, איך וויל דיך נישט באַליידיגען — איך שווער מיט מיין עהרע, כ'בין אַליין אנטציקט פון דיין ווילדער דרייסטקייט און גראַציע, איך קוש דיינע הענטלאַך, העלדין, אָבער וואָס פאַרשטייען זיי אין העלדישקייט?

אויף דער אַרענע שפּילט אַ נישט גרויסער אָרקעסטער טאַנגאָ.

מאַנטשיני. (אנטציקט)

הערט, הערט... נו, זאָגט, ערליכע בעטלער: ניט קאָנסועללאָ מיט בעזאַנאָ זאַמלען אויף דעם עולם? זייער טאַנגאָ אויף די פערד... דאָס איז דאָך... דאָס איז דאָך! צום טייוועל, דאָ וועט ניט אויסהאַלטען זיין הייליגטום אַליין, דער פּויבסט!

פּאַלי.

ס'איז אמת. אַ נומער, אַ באַרימטער. אָבער די אידעע געהערט דאָך בעזאַנאָן.

מאַנטשיני.

די אידעע, די אידעע! דאָס יינגעל איז פאַרליבט ווי אַ קאָטער, דאָס איז זיין גאַנצע אידעע. און וואָס איז אזוינס אַן אידעע אָן אַ פּרויענצימער? אַ סך וועסט מיט דיין אידעע זיך אָנטאַנצען. איז על-כן, פּאַפּאַ בריקע?

בריקע.

אַ קאָנטראַקט.

מאַנטשיני.

וואָס פאַר אַ נידערטרעכטיגער פאָרמאַליזמוס!

ז י נ י ד ע.

גיב דעם גראַף צען פראַנק, און זאָל ער זיך אָפּטראָגען.

מ אַ נ ט ש י נ י.

צען? אויף קיין אופן ניט! פּופּצען! נו, ניט עקשן זיך, פּאַפּאַ, נו, צוליב די טראַדיציעס פֿון שטאַם—צוואַנציג, אַ? איך שווער ביי מיין עהרע, כ'קאָן ניט ווייניגער.

בריקע גיט 20 פראַנק.

מ אַ נ ט ש י נ י. (קאַלט)

מערסי.

ז י נ י ד ע.

נעם ביי דיין באַראָן.

מ אַ נ ט ש י נ י. (אויפהויבענדיג די ברעמען, מיט א נאָבעלען כעס)

ביים באַראָן? פֿאַר ווּעמען האַלסטו מיך, פּרויענצימער? איך זאָל לייען ביי אַ זייטיגען מענטשען, וועלכער...

ז י נ י ד ע.

דו דרייסט עפּיס, דו דרייסט עפּיס מוֹרא'דיג, איך קען דיר נאָך ווייניג, נאָר דו ביסט, משמעות, אַ שרעקליכער אָשוּסט.

מ א נ ט ש י נ י. (לאכענדיג)

אַ באַליידיגונג פֿון פרעכטיגע ליפּען.

ס'קומט אַריין אַנ'אַרטיסט, נאָבן אויסזען — אַנ'אַטלעט.

אַ ט ל ע ט.

פּאַפּאַ בריקע, דיך פֿרעגט עפּיס אַ הער פֿון יענער וועלט.

ב ר י ק ע.

א גייסט?

אַ ט ל ע ט.

ניין, אַזוי ווי אַ לעבעדיגער. האָסטו געזעען, אַז גייסטער זאָלען זיין שכור?

ב ר י ק ע.

אויב ער איז שכּור, אַנטזאַג אים, טאמאס. ער פרעגט נעמליך, מיך אָדער דעם גראַף?

אַ ט ל ע ס.

דיך. אפשר איז ער ניט שכּור, פשוט אַ גײַסט.

מ אַ נ ט ש י נ י. (זיך צורעכטמאכענדיג)

אַ מענטש פון געזעלשאַפט?

א ט ל ע ס.

יאָ. איך וועל אים אַרײַנרופען, פאפאַ בריקע, און כ'גיי אוועק צום ווידערזען.

אויף דער ערגנע קנאַקט אַ בײַטש, נעשרייען; די קלאַנגען פון טאַנגאָ ווערען באַלד פארשטילט, באַלד הערען זיי זיך נאָענט הויך. דאָ שווײַגט מען.

ב ר י ק ע. (זיך אָנרירענדיג אָן זינידעס האנד)

מיד?

ז י נ י ד ע. (אָפּפירענדיג זײַן האנט)

ניין.

פ אָ ל י.

דײַן געלער לייב איז הײַנט אומרויג, זינידע.

ז י נ י ד ע.

אומזיסט רייצט אים.

פ אָ ל י.

כ'האָב אים געשפּילט פון „טראַוויאַטא" און ער האָט מיר זייער אונטערגעזונגען. אפשר וואָלטען מיר אויסגעשטעלט דעם נומער, פאפאַ בריקע?

טאָמאַס פירט אַרײַן אַ הער און ווײַזט אָן מיטן פינגער: דאָרטען איז דער דירעקטאָר. אַלײַן נייט ער אַוועק, זיך שווער שאָקלענדיג. דער הער—איז אַ מענטש ניט פון ערשטער יוגענט, מיט אַ מיאוסען, נאָר לעבעדיגען, דרייסטען

און אַ ביסעל מאָדנעם פנים; טראָגט אַ טײַער פּאַלטאָ־ראָק מיט אַ פוטער־קרא־ נען, דעם הוט האַלט ער אין האַנט. הענטשקעס.

דער הער. (איך נויגענדיג און שמייכלענדיג)

כ'האָב דאָס פאַרגעניגען צו זען דעם הערן דירעקטאָר?

בריקע.

יאָ זעצט זיך. גיב אַ שטול, טילי.

דער הער.

אָ, ניט באַאומרויִגט זיך. (קוקט זיך ארום) דאָס זײַנען אײַערע אַרטיסטען? זײער אַנגענעם.

מאַנטשיני. (זיך פאררײכטענדיג און לײַכט פארבויגענדיג דעם קאָפּ)

גראַף מאַנטשיני.

דער הער (פארוואונדערט)

אַ גראַף?

בריקע. (אומבאַשטימט)

יאָ, אַ גראַף... און מיט וועמען האָב איך די עהרע?

דער הער.

כ'ווײס נאָך אַלײן ניט. איר אַלע קלײַבט זיך דאָך אויס נעמען. יאָ? אָבער איך האָב נאָך ניט אויסגעקליבען, איר וועט מיר שפּעטער אַנ'עצה געבען. כ'האָב שוין עפּיס צוגעטראַכט, נאָר ס'קומט אַלץ אַרויס, ווײסט איר, צו... ליטעראַריש.

בריקע.

ליטעראַריש?

דער הער.

יאָ, ס'פילט זיך אויסגעטראַכטקײַט.

מען קוקט אויף אים מיט פאַרוואונדערונג.

דער הער.

מיר שײַנט, אַז די צוויי הערען זײַנען קלאָאונען. כ'בין אַזוי צופרידען... ערלויבט מיר דריקען אײַער האַנט.

שטעלט זיך און דריקט מיט אַן אנגענעמען שמייכעל די הענט בײַ די קלאָ
אונען. יענע מאַכען אַ אידיאָטישען פּנים.

בריקע.
אָבער ערלויבט... מיט וואָס אייגענטליך קען איך דינען?

דער הער. (רק מיט דעם אנגענעמען און צוטרוידיגען שמייכעל)
ניט איר דינען, נאָר איך דינען. איך וויל בײַ אײַך דינען, פּאַ־
פּאַ בריקע.

בריקע.
פּאַפּאַ בריקע?.. װָבער איר זײַט גאָר ניט ענליך.

דער הער. (בארויגענדיג)
עס וועט אַריבער. כ'וועל זײַן ענליך. אָט די הערען האָבען
ערשט געמאַלט אַ מערקווירדיגען פּנים... איר ווילט, כ'וועל אי־
בערחזרן? אָט!

מאַכט אַ אידיאָטישען פּנים, פּינקטליך נאָכקריסענדיג די קלאָאונען.

בריקע.
יאָ. (ניט ווילענדיג) זײַט איר ניט שכור, גנעדיגער הער?

דער הער.
ניין. איך טרינק איבערהויפּט ניט. בין איך דען ענליך אויף אַ
שכורן?

פּאָלי.
פאראן אַ קנאַפּ.

דער הער.
ניין, איך טרינק ניט, דאָס איז פּשוט א פּרט... פון מײַן טאַלענט.

בריקע.
וואו האָסטו פריער געדינט? א זשאָנגלער?

דער הער.
ניין, נאָר איך בין צופרידען, וואָס דו האָסט אין מיר דערפילט

אַ חבר, פּאַפּא בריקע. צום באַדויערן, בין איך ניט קיין זשאָנגלער און... כ'האָב ערגעץ ניט געדינט. כ'בין סתּם אַזוי' מאַנטשינג.

איר זעט אָבער אויס ווי אַ מענטש פון געזעלשאַפט.

דער הער.

א, ס'איז חניפה, גראַף! כ'בין סתּם אַזוי.

בריקע.

וואָס זשע איז דיין... אייער כונה? כ'מוז זאָגן, אַז ביי מאר איז אַלץ פאַרנומען.

דער הער.

ניט וויכטיג. כ'וועל זיין אַ קלאָאון, אויב איר וועט ערלויבען.

אַנינע שמייכלען. בריקע הויבט אָן כעכן

בריקע.

וואָס=זשע קענסטו? דו ווייסט, דיר האָט זיך פיל פאַרגלוסט, נו, וואָס קענסטו?

דער הער.

גאָרניט. איז עס ניט צום לאַכען: גאָרניט קענען?

בריקע.

גאָרניט. ס'איז ניט צום לאַכען. דער ערשטער ליידיג=גייער קען אויך אַזוי פיל.

דער הער. (קוקט זיך הילפלאָז, נאָר רק שמייכלענדיג אום)

מען קאָן עפּעס אויסטראַכטען.

בריקע. (מיט איראָניע)

ליטעראַרישעס.

ס'קומט שטיל אַריין דער קלאָאון מיסטער דזשעקסאָן און שטעלט זיך, אַניאוג. באַמערקטער, אַנידער הינטער דעם הערן.

דער הער.

יאָ, מ׳קאָן אויך ליטעראַרישעס, וואָס, אַ שטײַגער, וועט איר זאָגען מכּח אַ קורצער נאָר א גוטער דרשה... נו, אויף א רעליגיעזע טעמע? אזוי, אַ קלײַנער וכּוח צווישען קלאָאונען.

בריקע.

אַ וכּוח? טראָג זיך ווײַטער, מײַן ליבער, דאָ איז ניט קײַן אַקאַדעמיע.

דער הער. (מיט פארדראָס)

אַ שאָד!.. וואָס ניט איז אַזוינס... א לײַכטען שפּאס וועגען בריאַת העולם, אָדער וועגען זײַן פֿאַרוואַלטונג.

בריקע.

און דער קאָמיסאַר? ס׳טויג ניט.

דזשעקסאָן.

וועגען דער וועלט=פֿאַרוואַלטונג? זי געפעלט דיר? מיר — אויך... ווײַז דײַן האַנט.

בריקע. (מאַכט באַקאַנט)

אונזער ערשטער קלאָאון, דער באַרימטער דזשעקסאָן.

דער הער. (אין אנטציקונג)

מײַן גאָט! דאָס זײַנט איר? ערלויבט הײַס צו דריקען אײַער האַנט, איר האָט מיר אַזוי פיל גליק פֿאַרשאַפֿט מיט אײַער געניאַלען...

דזשעקסאָן.

זײַער דערפרײַט.

בריקע. (קלאַפּט מיט די פלײצעס)

ווילט זײַן אַ קלאָאון. גיב א קוק. דזשים.

(אויף דזשעקסאָנס צײַכען נעמט דער הער געשווינדט אַראָפּ דעם פּאַלטאָ אי מיט א וואָרף אויף אַ שטול. פּאַרטיג צום באַקוקען. דזשעקסאָן באַקוקט אים, קריטיש אומדרײענדיג.)

דזשעקסאָן.

אַ קלאָאון, הם... דרײט זיך אום... הם... פֿאַר אַ קלאָאון... יאָ...

גיט אַ שמייכעל, ברייטער, ברייטער! דאָס איז אַ שמייכעל! אַזוי. פעיקייטען, אייגענטליך, זיינען פאַראַן, אָבער צו אַ פולער אַנטוויקלונג...(מיט פאַרדראָס) קאָנסט, אַודאי, קיין סאַלטאָ מאָרטאַלע אויך ניט?

דער הער. (זיפצענדיג)

ניין.

דזשעקסאָן.

און ווי אַלט ביסטו?

דער הער.

ניין און דרייסיג. שפּעט?

דזשעקסאָן גייט פּייפענדיג אָב.

בריקע.

מיר דאַרפען אייער דינסט ניט, גנעדיגער הער.

מען שווייגט.

זינידע. (שטיל)

נעם אים.

בריקע. (מיט כעס)

אָבער, צום טייוועל, וואָס וועל איך מיט אים טאָן, אז ער קען גאָרניט. ער איז פּשוט שכור!

דער הער.

עהרען וואָרט, איך בין ניט שכור. איך דאַנק אייך פאַר שטיצע, גנעדיגע פרוי... זייט איר ניט די באַרימטע לייבען דרעסירערין זינידע, וועמעס קעניגליכע און שיינקייט דריסטקייט...

זינידע.

יאָ. נאָר איך האָב ניט ליב, אַז מען חנפעט מיר.

דער הער.

ס'איז ניט קיין חניפה!

מאַנטשיני.

דו ביסט איינפאַך ניט געוואוינט צו מענטשען פון אַ געזעלשאַפט, מיין זעלע. חניפה! דער הער דריקט ערנסט און אין שיינע ווערטער אויס זיין אַנטציקונג, און דו... ס'איז אומערצויגען, זינידע... וואָס אָנבעלאַנגט אָן מיר...

ס'קומען אַריין קאָנסועללאָ און בעזאַנאָ אין קאָסטיומען.

קאָנסועללאָ.

ביסט דאָ, פאָטער?

מאַנטשיני.

יאָ, מיין קינד, ביסטו ניט מיד? (קושט זי אין שטערען) מיין טאָלטערי גנעדיגער הער, גרעפין וועראָניקע, אויף דער בינע, די באַריהמטע קאָנסועללאָ, די קעניגין פון טאַנגאָ אויף די פערד... באַוויליגט צו זען?

דער הער. (זיך נייגענדיג)

איך בין געוועזן אַנטציקט... וואונדערבאַר!

מאַנטשיני.

יאָ. דאָס זיינען אַלע מודה. און ווי געפעלט אייך דער נאָמען? Consuelo! כ'האָב עס גענומען אין אַ ראָמאַן פון פרוי זשאָרזש זאַנד, עס הייסט — „טרייסט״.

דער הער.

וואָס פאַר אַ גלענצענדיגע באַלעזענקייט!

מאַנטשיני.

אָ, קלייניקייטען! נישט קוקענדיג אויף אייער עקסצענטרישען פאַרלאַנג, גנעדיגער הער, זע איך, אַז איר זייט אַ מענטש פון מיין קרייז, און כ'מוז אייך זאָגען, אַז נאָר די בייזע אומגליקען פון אוראַלטען שטאַם... מיין הער, Sic transit gloria mundi.

קאָנסועללאָ.

דערעסען, פּאָטער. וואו איז דאָס טיבעל, אַלפרעדז

בעזאַנאָ.

נאַ נעם.

קאָנסועללאָ. (צום הערן)

אַנ׳עכט ווענעציאַנישעס — ס׳געפעלט איך?

דער הער. (זיך ווידער נויגענדיג צו קאָנסועללא)

מיינע אויגען זיינען פאַרבלענדט. אַזאַ שיינקייט! ניין, פּאַפּאַ בריקע, וואָס מער איך קוק, אַלץ מער וויל איך פאַרבלייבען מיט איך. (מאַכט א טעמפּען פּנים פון א תּם) פון איין זייט — אַ גראַף, פון אַנדערן...

דזשעקסאָן. (איז וואוּיל מככים)

דאָס איז נישט שלעכט. הער אויס, גיב אַ טרייסעל מיטן מאַרך. טראַכט אויס: ווער קענסטו זיין. דאָ טראַכט יעדערער פאַר זיך.

מען שווייגט. דער הער טראַכט, צוליינענדיג דעם פינגער צום שטערן.

דער הער.

אויסטראַכטען, אויסטראַכטען... עאוריקאַ

פּאָלי.

דאָס הייסט: געפונען. נו?

דער הער.

עאוריקאַ! איך וועל זיין ביי איך דער, וועלכער קריגט די פּעטש

אַנ׳אַלגעמיינער געלעכטער, אַפילו בריקע האָט אַ שמייכעל געטאָן.

דער הער. (קוקענדיג אויף אַלעמען און שמייכלענדיג)

זעט איר, איר האָט זיך שלאַכט? איז עס לייכט?

אַלע ווערן ערנסט. דער קלאָון טילי זיפּצט.

טילי.

יאָ. ס'איז ניט לײַכט. דו האָסט געלאַכט, פּאָלי?

פּאָלי.

איך האָב זײער געלאַכט און דו?

טילי.

איך אויך.

שפּילט אויף די ליפּען, נאָכמאַכענדיג אינסטרומענטען, אַ אומעטיג-פרײליכען מאָטיוועל

דזשעקסאָן.

דער, וועלכער קריגט די פּעטש? דאָס איז נישט שלעכט.

דער הער.

ניט אמת? מיר געפעלט עס אַלײן זײער. דאָס שטימט אין גאַנצען מיט די פּרטים פון מײַן טאַלענט. ווײסט איר, חברים: איך האָב פאַר זיך אַ נאָמען אויך געפונען. כ'וועל זיך רופען דער. גוט?

דזשעקסאָן. (באטראַכטענדיג)

דער? ניט שלעכט.

קאָנסועללאָ. (צוזינגענדיג)

ווי קאָמיש ער איז! דער — ווי אַ הונט. פּאָטער, ס'זײַנען דאָ אַזעלכע הינט?

אומגעריכט דערלאַנגט דזשעקסאָן אַ קינסטליכען פּאַטש דעם הער. דער טרײסעלט זיך אויף און ווערט בלאַס.

דער הער.

וואָס?!

אַנ'אַלגעמײנער געלעכטער באַדעקט זײַנע ווערטער.

דזשעקסאָן.

דער, וועלכער קריגט אַלע פּעטש! אָבער דו'סט ניט געקראָגען!

פּאָלי. (ברעלנדיג דעם לשון)

ער זאָגט: אים איז ווייניג.

דער הער שמייכעלט, רייבענדיג די באַק.

דער הער.

אַזאַ אומגעריכטקייט און גיכער איבערגאַנג צו דער זאַך.

אָבער מאָדנע: דוס'ט מיר קיין קלאַפּ ניט געטאָן, און די באַק ברענט!

וידער אַ געלעכטער. די קלאָאונען שרייען ווי קאַטשקעס, הענער, בילען און קוויטשען. זינידע האָט עפּיס געזאָגט צו בריקע און גייט אַרוים, געבענדיג אַ קוק אויף בעזאַנאָ. מאַנטשיני נעמט אָן אַ פּאָזע פון אַ מענטשען, וואָס לאַנגווייליגט זיך און קוקט אויפן זייגער. בײדע אַרטיסטינס גייען אַרוים.

דזשעקסאָן.

נעם אים, פּאַפּאַ בריקע, ער וועט אונז באַוועגען.

מאַנטשיני. (קוקענדיג אויפן זייגער)

אָבער נעמט אין אכט, אַז פּאפּא בריקע איז קאַרג, ווי אַ האַרפּאַגאָן און אויב איר רעכענט פאַרריכטען אייערע געשעפטען, וועט איר האָבען אַ ביטערן טעות. (לאַכט) אַ פּאַטש, וואָס איז אַזוינס אַ פּאַטש? דאָ איז עס קלײנגעלט, אָנדערטהאלבען פראַנק אַ טוץ. קערט זיך אום אין גיזעלשאַפט, דאַרטען וועט איר מער פאַרדינען. מיין פריינד, מאַרקיז דזשוסטי, האָט פאַר איין פּאַטש — שטעלט זיך פאָר! — פאַר איין קליינעם פּאַטש, באַקומען 50 טויזענט לירען.

בריקע.

שטער ניט, מאַנטשיני, דו וועסט זיך מיט אים פאַרנעמען דזשעקסאָן?

דזשעקסאָן.

איך קאָן.

פאָלי.

און מיוזיק האָסטו ליב? אַ סטייגער א בעטהאָווען=סאָנאַטע אויפן בעזים, אָדער מאָצאַרט אויף פלעסלאַך?

דער.

ווי — ניין! אָבער איך וועל זיין גרעניצלאָז דאַנקבאַר, אויב איר וועט מיך אויסלערנען. אַ קלאָאון! דאָס איז געווען מיין חלום פון קינדווייז. בעת מיינע שול=חברים פלעגען זיך פאַר= טיפען – איינע מיט פלוטאַרכס העלדען, אַנדערע מיט דעם ליכט פון וויסענשאַפט — פלעג איך טרוימען וועגען אַ קלאָאון. בעטהאָווען אויף אַ בעזים! מאָצאַרט אויף פלעשלאַך! ס'איז גראָד דאָס, וואָס איך האָב מיין גאַנצען לעבען געזוכט. און אַ קאָסט= יום? אָ מיינע פריינד, איך דאַרף וואָס גיכער האָבען אַ קאָסטיום.

דזשעקסאָן.

קענטיג, אַז דו פאַרשטייסט גאָרנים. א קאָסטיום — דאָס דאַרף מען, פאַרשטייסטו (לייגט צו דעם פינגער צום שטערן) זייער לאַנג טראַכטען. האָסט געזען ביי מיר די זון אויף דעם אָרט (פראסקעט זיך פון הינטען) כ'האָב דאָס געזוכט צוויי יאָר!

דער (אנטציקט)

כ'תעל זוכען!

מאַנטשיני.

נו, אונז איז צייט. קאָנסועללאָ, מיין קינד, דו דאַרפסט זיך אָנטאָן. (צו דערן) מיר פרישטיקען ביי באַראָן רעניאַר — מיינער אַ פריינד, אַ באַנקיר.

קאָנסועללאָ.

איך וועל ניט פאָרען, פאָטער. אַלפרעד האָט געזאָגט, אז איך האָב נאָך היינט וואָס צו טאָן.

מאַנטשיני. (אין אימה אויפהויבנדיג די הענט)

אָבער, קינד מיינס, אין וואָס פאר אַ לאַגע שטעלסטו מיך? איך

האָב צוגעזאָגט דעם באַראָן. דער באַראָן וועט אויף אונז וואַר=
טען... נײַן, ס'איז אוממעגליך. איך האָב זיך גאָר פֿאַרשוויצט.

קאָנסועללאָ.

אַלפֿרעד זאָגט...

בעזאַנאָ. (טרוקען)

זי האָט וואָס צו טאָן. האָסט זיך אָפּגערוט? קום.

מאַנטשיני.

אָבער ס'איז דאָך — דער טײַוועל ווײס וואָס! הער אויס, דו, בעזאַנאָ, זשאָקײ, ביסט פֿון זינען אַראָפּ? איך האָב דיר ערלויבט צוליב קונסט אַ ביסעל פֿאַרנעמען זיך מיט מײַן טאָכטער... אָבער...

קאָנסועללאָ.

לאָז צורו, פֿאָטער, וואָס פֿאַר אַ נאַרעלע דו ביסט. מיר מוזען דאָך אַרבעטען. פֿרישטיק אַלײן מיט דײַן באַראָן. אַך, פֿאָטער, דו האָסט ווידער נישט גענומען קײַן זויבער נאָז=טיכעל? כ'האָב דאָך דיר נעכטען אויסגעוואַשען צווײ טיכלאַך. וואו האָסטו זײ אַהינגעטאָן?

מאַנטשיני. (ווערנדיג רויט פון חרפּה)

מײַן וועש וואַשט מיר די וועשערין, און דו שפּילסט נאָך אין ליאַלקעס, קאָנסועללאָ. ס'איז נאַריש! דו פֿלוידערסט, ניט טראַכ=טענדיג, און די הערען קאָנען מײַנען גאָט ווײסט וואָס. נאַריש! כ'גײ אַוועק.

קאָנסועללאָ.

ווילסט, איך וועל אים אָנשרײַבען אַ צעטעלע?

מאַנטשיני. (בײז)

אַ צעטעלע! פֿון דײנע צעטעלאַך וועט זיך אַ פֿערד צעלאַכען צום ווידערזען!

גײט אַוועק, שפּילענדיג אין כעם מיטן שטעקען. מיט אכטונג גײען אים נאָך

די מוזיקאַלישע קלאָאונען, שפּילענדיג אַ קבורה-מאַרש. דער און דזשעקסאָן לאַכען. בּיסלעכווײַז גייען זיך די אַרטיסטען פונאַנדער.

קאָנסועללאָ. (לאַכענדיג)
אַזוי שלעכט שרײַב איך? און מיר איז עס אַזוי אנגענעם; שרײַבּען צעטעלאַך. דיר איז געפעלען מײַן בּריוו, אַלפרעד אָדער דו האָסט אויך געלאַכט?

בּעזאַנאַ. (הערענדיג רוים)
ניין. איך האָבּ ניט געלאַכט. קום, קאָנסועללאָ.

בּיידע גייען אַרוים. טרעפען זיך אין טיר מיט זינידע.

זינידע.
ווילסט נאָך אַרבּעטען, בּעזאַנאָ?

בּעזאַנאָ. (העפליך)
יאָ. הײַנט איז עפּיס אַ שלעכטער טאָג. און וואָס מאַכען דײַנע לייבּען, זינידע? מיר דוכט, אויף זיי ווירקט דאָס וועטער.

קאָנסועללאָס קול: אַלפרעד!

זינידע.
יאָ, מען רופט דיך, גיי. (אַלפרעד גייט אוועק). נו, וואָס, געענדיגט?

דער.
מיר ענדיגען.

דזשעקסאָן. (זיך זעגענענדיג)
בּיז אָוונט. טראַכט וועגען קאָסטיום, דער. איך וועל אויך אַ טראַכט טאָן. און מאָרגען קום אַהער בּיז צען. פאַרשפּעטיג ניט, אַז ניט וועסטו קריגען אַ איבּעריגען פּאַטש. איך וועל זיך מיט דיר פערנעמען.

דער.

איך ווע׳ ניט פארשפעטיגען. (קוקט אים נאָך) מסתמא זייער אַ גוטער מענטש. וואָס פאַר אַ וואוילע מענטשען ס׳זיינען ארום אייך, פאַפּאַ בריקע. און דער שיינער זשאקיי איז אודאי פאַרליבט אין קאָנסועללאָן, ניט אמת? (לאכט)

זינידע.

וואָס גייט עס דיר אָן? פאַרן אָנהויב רוקסטו צופיל דעם נאָז. וויפיל וויל ער, פאַפּאַ?

בריקע.

וואַרט אויף. הער אויס, דער, קיין קאָנטראַקט מיט דיר שליסען וועל איך ניט...

דער.

אַ, פאַרשטייט זיך, כ׳בעט אייך, ווי איר ווילט. ווייסט איר וואָס? מיר וועלען איצטער מכח געלט אויך ניט ריידען. דו ביסט אַן אָרענטליכער יונג, בריקע, דו וועסט אַליין זען מיין אַרבעט און דאַמאָלט...

בריקע. (מיט הנאה)

דאָס איז זייער אָרענטליך פון דיין זייט. אין אמתן קאָן ער דאָך גאָר ניט, זינידע?

זינידע.

אויב ער וויל אַזוי, מ׳דאַרף פאַרשרייבען. וויז דאָס בוך.

בריקע.

נעם. (צו דערן) כ׳האָב ניט ליב צו שרייבען. מיר פאַרשרייבען דאָ ארטיסטען, ווייסטו, פאַר פאָליציי. ס׳קאָן ווער עס איז געשעדיגט ווערען, אָדער...

פון אַרענע הערען זיך ווידער די קלאַנגען פון טאַנגאָ און געשרייען.

זינידע.

ווי איז דיין נאָמען?

דער. (שמייכלענדיג)

דער. כ'האָב שוין אויסגעקליבען. אָדער ס'געפעלט אייך ניט?

בריקע.

ס'געפעלט. אָבער מיר דארפען האָבען דיין אמתן נאָמען. א פּאַס־פּאָרט האָסטו?

דער. (זיך פארשטערנדיג)

אַ פּאַספּאָרט? אָבער קיין פּאַספּאָרט האָב איך ניט. רילסקינער, כ'האָב יאָ עפּיס אזוינס, נאָר כ'האָב נישט געמיינט, אַז ביי אייך איז אַזוי שטרייננג. צו וואָס איז עס?

זינידע אין בריקע קוקען זיך שווייגענדיג אָן; זינידע רוקט אָפּ דאָס בוך.

זינידע.

איב אזוי קענען מיר דיך ניט נעמען. מען קאָן זיך דאָ איבער דיר ניט קריגען מיט פּאָליציי.

בריקע.

דאָס איז מיין פרוי, דו ווייסט נאָך ניט. זי איז גערעכט. דיר קאָן אַ פּערד אַ קלאַפּ טאָן, אָדער דו קענסט נאָך אַליין עפּיס אויסטראַכטען. ווער ווייס דיך... מיר איז אַלץ איינס. נאָר דאָר־טען, פאַרשטייסטו מיך, באַצינס מען זיך אַנדערש. פאַר מיר אַ מת איז א מת, איך פרעג זיך ביי אים וועגען גאָר ניט נאָך און לאָז עס איבער גאָט אָדער דעם שוואַרץ יאָר, אָבער זיי זיינען זייער נייגעריג. אַזוי, משמעות, איז דער סדר, איך ווייס ניט. אַ קארטע האָסטו?

דער רייבט פאַרטראַכט דעם שטערן.

דער.

וואָס טוט מען? אַ קאַרטע האָב איך. אָבער... (שמייכעלט) איר פאַרשטייט: מיר ווילט זיך שרעקליך ניט, אַז מיין נאָמען זאָל מען וויסען

ברִיקע.

עפּיס אַ היסטאָריע?

דער.

יאָ, אין דעם אַרט... און פאַר װאָס זאָל מען זיך ניט פאָרשטעלען, אַז איך האָב פּשוט ניט קיין נאָמען? האָב איך ניט געקאָנט פאַרלירען דעם נאָמען, װי מען פאַרליערט אַ הוט? אָדער מען האָט אים ביי מיר פאַרביטען? אַז צו אייך קומט אַ פאַרבלאָנדזשעטער הונט, פרעגט איר ביי אים ניט קיין נאָמען, איר גיט אים אַ נייעם, — לאָמיך אויך זיין אַזאַ הונט (לאַכט) הונט דער.

זינידע.

דו קאָנסט אים זאָגען אונז ביידען. מער װעט זיך קיינער ניט דערװיסען... אויב דיר װעט זיך, נאַטירליך, ניט פאַרגלוסטען ברעכען דעם קאָפּ.

דער איז פאַרטראַכט.

דער.

עהרען װאָרט?

זינידע קוועטשט מיט די פּלייצעס.

בריקע.

דאָרטען, װאו מענטשען זיינען ערליך, דאָרטען איז יעדער װאָרט — אַנ'עהרען װאָרט. קענטיג, אַז דו ביסט פון דאָרטען.

דער.

נו גוט. נעמט. ניט װאונדערט זיך, כ'בעט אייך.

ביט איבער זימידען אַ קאַרטעל. יענע קיקט און ניט איבער בריקען. נאָכדעם קיקען ביידע אויף דערן.

בריקע.

אויב דאָס איז אמת, גנעדיגער הער, און איר זייט, דאָס װאָס דאָ איז אויפגעשריבען...

דער.

אום גאָטעס ווילען... דאָס איז ניטאָ, דאָס איז שוין לאַנג פאַר־לאָרען, דאָס איז פּשוט אַ קוויטונג אויף אַנ'אַלטען הוט. איך בעט איַיך, פארגעסט עס אַזוי ווי איך. איך בין דער, וואָס קריגט די פעטש, און וויַיטער גאָרניט.

ס'שוויַיגט.

בריקע.

אָבער זיַיט מיר מוחל, אויב כ'וועל ביַי איַיך מיט אַכטונג פרע־גען: זיַיט איר ניט שכור, גנעדיגער הער? ביַי איַיך אין די אויגען איז דאָ עפּיס אַזוינס...

דער.

ניין. איך בין דער, וואָס קריגט די פעטש. און ווי לאַנג זאָגען מיר זיך „איר", פּאַפּאַ בריקע? דו באַליידיגסט מיך.

זינידע.

מיט איין וואָרט, דאָס איז זיַין זאַך, בריקע. (באַהאַלט דאָס קאָרטעל) אָבער דו ביסט אַ מאָדנער הער, דאָס איז אמת. (שמייכלענדיג) און דו'סט שוין באמערקט, אַז בעזאַנאָ איז פאַרליבט אין די ריַיטערין? נו, און איך ליב מיַין בריקע, ס'איז קענטיג?

דער. (אויך שמייכלענדיג)

אָ, יאָ! דו ביסט פאַרליבט אין אים.

זינידע.

כ'בין פאַרליבט אין אים. גיי זיך מיט אים דורך, בריקע, און באַ־וויַיז אים די ארענע און די שטאַלען, איך וועל עפּיס פאַרשריַיבען.

דער.

יאָ, יאָ, איך בעט עס. איך בין אַזוי גליקליך ענדליך. כ'בין דאָך אָנגענומען. ס'איז אמת — איר לאַכט ניט? די ארענע! דאָס זאַמד פון אַרענע. דער רייף, אין וועלכען איך וועל לויפען, קריגענדיג די פעטש!.. יאָ, יאָ, לאָמיר גיין, בריקע. כּל זמן כ'וועל אונטער מיַינע פיס דעם זאַמד ניט פילען, וועל איך נאָך אַלץ ניט גלויבען.

ברִיקע.

נו, לאָמיר גייִן. (קושט זינידען) קים.

גייען צום טיר.

זינידע.

וואַרט... דער! ענטפער מיר אויף איין פראַגע. איך האָב א משרת, וואָס ראַמט די שטייגען, נו, אַנ'איינפאַכער יונג, וועלכען קיינער קען ניט. ער ראַמט די שטייגען, און ווייסטו: ער קומט אריין צו די לייבען, ווען ער וויל, ער קוקט אַפילו ניט אויף זיי, ער איז דאָרט גאָר ווי אין דער היים. פאַר וואָס איז עס? און אים, קען קיינער ניט, בעת מיך קענען אַלע, און אַז איך גיי אַריין זיינען אַלע אין אימה, אַ... אַזאַ נאַרישער יונג, דו וועסט אים זען! (לאכט) נאָר קלויב דו זיך ניט אויס אַרייַנצוגייִן, דער; מיין געלער וועט דיר געבען אַזאַ פאַטש!...

ברִיקע. (מיט אומצופרידענקייט)

ווידער הויבסטו אָן, זינידע. הער אויף.

זינידע. (לאכענדיג)

יאָ, גייט, גייט. אַך יאָ; שיק מיר בעזאַנאָן, לואי. איך האָב מיט אים חשבונות.

דער מיטן דירעקטאָר גייען אַרוים. זינידע גיט נאָך אַמאָל אַ קוק אויפן קאַר-טעל און באַהאַלט עס. שטייט אויף און גייט גיך אום איבערן צימער, שטעלט-זיך אָפ, הערט זיך צו צו די קלאַנגען פון טאַנגאָ. די מוזיק רייסט זיך פלוצ-לונג איבער. ניט רירענדיג זיך, קוקענדיג גלייך אין טונקעלען לאָך פון טיר וואַרט זינידע.

בעזאַנאָ. (אריינקומענדיג)

דו'סט מיך גערופען, זינידע? וואָס איז, רייד גיכער, כ'האָב נישט קיין צייט.

און קאָרסיני, באָרדזשיאַ און אַ שמוציגען לאַנגבאַרדער אָדער א מאַוער. אָ, דאָס איז ניט קיין פּרוי פון נידעריגער ראַסע, וואו פון הינטען, זיינען מער ניט פּויערים און ציגיינער! אין אַ איטאַליענערין זיינען בעהאַלטען אלע מעגליכקייטען, אַלע פאָרמען, אַזוי ווי אין אונזער וואונדערליכען מאַרמאָר, דו פאַר= שטייסט גולם? גיב זי אַ קלאַפּ אָט = דאָ — איז זי קעכין, וועלכע דו וועסט אַרויסיאָגען פאַר איר ־שמוץ און שרייעניש פון אַ קראָה, א ביליגע קאָקאָטע; פאָרזיכטיג... דעליקאַט! גיב זי א ריר פון דער זייט — איז זי אַ מלכה, אַ געטין, ווענערע די קאַפּיטאָלישע! און זי זינגט, ווי סטראַדיוואַריוס, און דו פּלאַנ= כעסט שוין... גולם! אַ איטאַליענער פּרוי...

דער.

דו ביסט גאָר אַ פּאָעט, מאַנטשיני. אָבער וואָס וועט פון איר מאַכען דער באַראָן?

מאַנטשיני.

ס'הייסט וואָס? אַ באַראָנעסע, גולם! וואָס לאַכסטו — כ'פאַרשטיי ניט. ס'איז פשוט אַ גליק, וואָס אָט=די פּאַרליבטע בהמה איז ניט אַ הערצאָג און ניט אַ פּרינץ: ער וואָלט זי געמאַכט פאַר אַ פּרינצעסין, און דעמאָלט בין איך פּיוט... אין אַ יאָר אַרום וועט מען מיך ניט אַריינלאָזען אין קיך!.. (לאַכט) מיך! און איך בין גראַף מאַנטשיני, בעת זי איז אַ פשוטע...

דער. (זיך אויפהויבענדיג)

וואָס פלוידערסטו? ביסט ניט איר פאָטער?! מאַנטשיני?

מאַנטשיני.

טכס!.. דער טייוועל זאָל עס נעמען, ווי איך בין היינט צוטראָ= גען. ווער זשע דען בין איך, אָ הימעל? פאַרשטייט זיך א פאָ- טער! (קרימט זיך אין געלעכטער) גולם! באַמערקסט ניט אַ פאַמיליען- ענליכקייט? דער נאַר — זע! די אויגען! (זיפצט אומבעריכט אַפּ) אָך, דער, ווי אומגליקליך איך בין. מען זאָל נאָר אַ טראַכט טאָן: בעת דאָ קומט אום אַ מענטש אין קאַמפּף פאַר די עהרע

פון אַלטען שטאַם, זיצט דאָרטען, אין פּאַרטער, די בהמה, דער העלפאַנט מיט אויגען פון אַ שפין און קוקט אויף קאָנסועללאָן און...

דער.

יאָ, ער האָט אַנ׳אומבאַוועגליכען בליק פון א שפין. ביסט געמערכט,

מאַנטשיני.

און וואָס זאָג איך? אַ שפין!.. אָבער ניין, איך וועל אים צווינ־גען חתונה האָבען. דוס׳ט זען! (גייט אויפגערעגט אום שפּילענדיג מיטן שטעקען) דוס׳ט זען! א גאַנצען לעבען האָב איך זיך געגרייט צו דער שלאַכט...

גייט אום. מען שווייגט. אַ שטילקייט.

דער. (האָרכענדיג)

פאַרוואָס איז דאָרטען אַזוי שטיל? אַ משונהדיגע שטילקייט.

מאַנטשיני. (מיט פאַראכטונג)

כ׳ווייס ניט! דאָרטען איז אַ שטילקייט און דאָ (רירט מיטן שטעקען אָן דעם שטערען) איז אַ גאַנצער שטורם און געוויטער! (בייגט זיך אײַן צום קלאָאון) דער, ווילסט, כ׳וועל דיר א וואונדערבאַרע זאך דער־ציילען? אַ צופאַל פון אויסערגעוויינליכען שפּיל פון דער נאַטור? (לאַכט און רעדט מאַכענדיג א וויכטיגען פּנים) שוין דריי יאָרהונדערטען— זיינען די גראַפען מאַנטשיני — אינגאַנצען קינדערלאָז! (לאַכט)

דער.

נישקשה! און ווי ווערט איר געבוירען?

מאַנטשיני.

טסס... דאָס איז דער סוד פון אונזערע הייליגע מוטערס! כע, כע... מיר זיינען צו אַלט, מיר זיינען, ענדליך, צו עלעגאַנט זיך צו פאַרנעמען מיטן וואולגאַרען עסק, אין וועלכען יעדער פויער איז שטאַרקער פאַר אונז...

ס'קומט אריין א באריער-דינער.

מאַנטשיני.

הער אויס, וואָס דאַרפסטו דאָ? דער דירעקטאָר איז אויף דער בינע.

דער דינער. (זיך פארנייגענדיג)

איך ווייס. דער באראָן רעניאַר האָט אייך געבעטען איבערגעבען דעם בריף

מאַנטשיני.

דער באַראָן? ער איז דאָרטען?

דער דינער.

דער באַראָן איז אַוועקגעפאָרען. קיין תשובה דאַרף מען ניט.

מאַנטשיני. (עפענענדיג מיט ציטערענדיגע הענט דאָס קאָנווערטל)

דער טייוועל נעם דאָס! דער טייוועל נעם דאָס!

דער דינער גייט אוועק.

דער.

וואַרט. פאַרוואס שפילט ניט די מוזיק און ס'איז אַזוי שטיל?

דער דינער.

ס'איז מאַדאַם זיניִדעס נומער מיט די לייבען.

אוועק, מאַנטשיני לייענט נאָכאַמאָל דאָס קורצע צעטעלע.

דער.

נו, וואָס, מאַנטשיני? דו שיינסט ווי דזשעקסאָנס זון.

מאַנטשיני.

וואָס? איר'ט, דוכט זיך, געפרעגט ביי מיר „וואָס"? אָט-וואָס!

(באלאנסירנדיג מיטן שטעקען, מאכט ער באלעטען-פירועטען).

דער.

מאנטשיני!

קאָקעטירענדיג מיט די אויגען און מיטן פּנים טאַנצט מאַנטשיני.

דער.

רייד זשע, בעסטיע!

מאַנטשיני. (אויסשטעלענדיג די האַנט)

ווייז צען פראַנק! שוין ווייז צען פראַנק! אַך, דער! גיב-זשע
(ניך און מאשינעל באהאלט ער ס'געלט אין וועסט-קעשענע) דער! אויב איך
אַ חודש אַרום וועל איך נישט האָבען קיין אויטאָמאָביל, קאָנסט
מיר געבען איינעם פון דיינע פּעטש!

דער.

וואָס? ער האָט חתונה? באַשלאָסען זיך?

מאַנטשיני.

וואָס הייסט—באַשלאָסען זיך? (לאַכט) בעת ביי אַ מענטשען איז
די שטריק אויפן האַלז, פּרעגסטו, וואָס ער מאַכט! דער באַראָן...
(שטעלט זיך אַפּ אַ דערשיטערטער.) זע דאָך, דער!..

זיך שאָקלענדיג, ווי זייער אַשכּורער, אָדער אַ קראַנקער, פאַרשטעלענדיג די
די אויגען מיט דער האַנט, קומט אַריין בריקע.

דער. (צוגייענדיג און אָננעמענדיג אים פאַר די שולטערן)

וואָס איז מיט דיר? פּאַפּאַ בריקע?

בריקע. (קרעכצט)

אַך — אַך — אַך... כ'קאָן ניט... אַך!

דער.

ס'האָט וואָס געטראָפען? ביסט קראַנק? רייד דאָך שוין!

בריקע.

כ'האָב ניט געקאָנט קוקען. (נעמט אַפּ די האַנט און עפענט די שטיין-געבּ
ליבענע אויגען) וואָס טוט זי? אַך — וואָס טוט זי! מ'דאַרף זי צו-
נעמען. זי איז אַראָפּ פון זינען! כ'האָב ניט געקאָנט קוקען.
(ציטערט) מ'עט זי צורייסען, דער! די לייבען וועלען זי צורייסען

מאַנטשיני.

ניין. דאָך, בריקע! זי'ז שטענדיג אַזאַ. נו, וואָס ביסטו, ווי אַ קינד, שעם זיך.

בריקע.

ניין, זי'ז היינט אַראָפּ פון זינען. און מיטן עולם וואָס טוט זיך! זיי זיינען אַלע ווי געשטאָרבען, זיי אָטעמען ניט. כ'האָב ניט געקאָנט קוקען! הערט — וואָס איז דאָס?

אַלע האָרכען נאָר דאָרט איז די זעלביגע שטילקייט.

מאַנטשיני. (אויפגערעגט)

כ'וועל אַקוק טאָן...

בריקע. (שרייט)

ניין! מ'דאַרף ניט קוקען... אָך, אַ פאַרשאָלטענע אַרבעט! ניט גיי! קאָנסט אָנצינדען... יעטווידע אויגען, וועלכע קוקען אויף איר... אויף די חיות... ניין, ס'איז אוממיגלעך! ס'איז אַ פאַר-ברעכען! איך בין אַוועק פון דאָרטען. דער, מ'וועט זי צערייסען.

דער. (זיך בעמיענדיג ריידען פרייליך)

באַרויג זיך דאָך, פאַפאַ בריקע! כ'האָב באמת ניט געטראַכט אַז דו ביסט אַזאַ פחדן... ווי שעמסטו זיך ניט! נעם אַ טרונק וויין... מאַנטשיני, דערלאַנג אים וויין.

בריקע.

כ'וויל ניט. גאָט מיינער, וואָלט עס שוין גיכער געווען...

מען האָרכט.

בריקע.

כ'האָב אין לעבען אַסך געזען, אָבער דאָס!.. זי איז אַראָפּ פון זינען.

מען האָרכט. מיט אַמאָל פֿאַלט די שטילקייט אײַן, ווי אַ גרויסע שטײַנערנע וואַנט: דאָרטען איז אַ דונער פון אַפּלאָדיסמענטען, געשרייען, מוזיק, אַ רעש עפּיס פֿון חיהשע קולות, עפּיס פֿון מענטשליכע, דאָ איז אַ שמחהדיגע אויפֿרעגונג. בריקע, אָן כּוחות בלײַבענדיג, זעצט זיך אויף אַ שטול.

מאַנטשיני. (אויפֿגערעגט)

זעסטו, זעסטו, גולם!

בריקע. (לאַכט און פּלאַנכעט)

כ'וועל מער ניט דערלויבען...

דער,

זי'ז דאָ!

ס'קומט אַרײַן זינידע אַליין. זי ווײַזט אויס, ווי אַ שכּורע, וואַקכאַנקע, אָדער אַ משוגענע. די האָר זײַנען צעוואָרפֿען, פֿון אײן שולטער איז דאָס קלייד אינגאַנצען אַראָפּגעלאָזט; זי גייט, פינקלענדיג מיט די אויגען, אָבער נישט זעענדיג. אָדער צו אַ לעבעדיגער סטאַטועטע פֿון אַ משוגענעם נצחון איז זי ענליך. הינטער איר מיט אַ בלייכען פּנים עפּיס אַנ'אַרטיסט, בײַדע קלאָאונען; נאָכדעם די בלייבע קאָנסועללאָ און בעזאַנאָ. מיט אימה קוקען אַלע אויף זינידען, ווי זיי וואָלטען מורא האָבען, אַז עס זאָלען זיי נישט אָנרירען, אָדער עס זאָלען נישט אַ קוק טאָן אויף זיי די גרויסע אויגען.

בריקע. (שרײַט)

ביסט פֿון זינען אַראָפּ!.. אַך, דו נאַר!

זינידע.

איך? ניין. איר'ט געזען, איר'ט געזען? נו — וואָס?!

שטייט שטייכלענדיג, איבערלעבענדיג אַ משוגענעם נצחון.

טילי. (רחמנותדיג)

הער דאָך אויף, זינידע! האָב דיך דער טײַוועל!

זינידע.

אין דוס׳ט געזען? נו — וואָס?!

בריקע.

אהײַם, אַהײַם! טוט דאָ וואָס איר ווילט... זינידע, אַהײַם!

פּאָלי.

דו טאָרסט ניט, פּאַפּאַ. דײַן גומער וועט נאָך זײַן.

זינידע. (זיך טרעפֿענדיק מיט די אויגען מיט בעזאַנאַ)

אַ, בעזאַנאַ! (לאַכט לאַנג און גליקלעך) בעזאַנאַ... אַלפרעד! ס׳ט געזען: מײַנע חיות ליבען מיך!

ניט געענטפערט, גייט בעזאַנאַ אַרויס. זינידע ווערט אַזוי ווי פּאַראַליזירט: פֿילעשט אויס דער שמײכעל, די אויגען, דער פּנים ווערט בלאַס. בריקע־לײַדענדיק, אײַנגעבויגען, קוקט אויף איר. זאָגט שטיל: אַ שטול. זינידע זעצט זיך, דער קאָפּ ליגט מאַכטלאָז אויף די שולטערען, די הענט זײַנען אַראָפּגעהאָנגען. הויבט אָן ציטערן און ציטערט אַלץ שטאַרקער, קלאַפּענדיק מיט די צײן. שטאַמעלט: קאָניאַק. אַן׳אַרטיסט לויפט נאָך קאָניאַק.

בריקע. (הילפֿלאָז)

וואָס איז מיט דיר, זינידע? טײַערע מײַנע?

מאַנטשיני. (שמייענדיק)

זי דאַרף זיך פֿאַרווירגען... נו, גייט, גייט. בעטלער. כ׳וועל אַלץ אײַנאָרדנען. פּאַפּאַ בריקע, דעם מאַנטאָ! וואו איז דער מאַנטאָ? איר איז קאַלט.

אַ קלאָון דערלאַנגט דעם מאַנטאָ. מען הילט זי אײַן.

טילי. (ניט דרייסט)

און מיוזיק דאַרף מען ניסט?

מאַנטשיני. (דערלאַנגענדיק קאָניאַק)

טרינק, הערצאָגינע! טרינק — טרינק איגגאַנצען. אַזוי.

זינידע טרינקט ווי וואַסער, נישט פֿילענדיק. קענטיק, קײן טעם; ציטערט. די

קלאָאונען נײַען שטיל אַרוים. קאָנסועללאָ גיט זיך מיט אַן'אומגעריכטער בייגזאַמער באַוועגונג אַ וואָרף אויף די קני פאַר זינידען און קושט אירע הענט, דערוואַרימט זיי.

קאָנסועללאָ.
ליבע, ליבע... דיר איז קאַלט? ליבינקע הענטעלאַך... ליבע... גוטע... געליבטע...

זינידע. (זי לאַכט אָפּשטויסענדיג).
אַהיי... אַהיים! ס'וועט באַלד פאַרבײַגיין, נישקשה. כ'בין זייער, זייער... אַהיים! דו בלײַב, בריקע, דו דאַרפסט נאָך. ניין, כ'בין נישקשה.

קאָנסועללאָ.
דיר איז קאַלט? נעם מײַן טוך.

זינידע.
ניין. לאָז.

קאָנסועללאָ שטייט אויף פון די קני און נייט אָפּ.

בריקע.
דאָס איז אַלץ דײַנע ביכער, זינידע! מיטאָלאָגיע! נו, זאָג: צו וואָס איז דיר נויטיג, אַז דיר זאָלען ליבען די חיות? חיות! פאַרשטייסט, דער? דו ביסט אויך פון דאָרטען, זי וועט דיך גיכער פאָלגען, נו, דערקלער דו איר! נו, ווען קאָנען ליבען אָט די חיות, אָט די האָריגע ברואים מיט זייערע טײַוולישע אויגען?

דער. (אַ נענעם)
איך מיין: נאָר ענליכע צו זיי. דו ביסט גערעכט, פאַפאַ בריקע, ס'איז נויטיג איין מין!

בריקע.
נו, פאַרשטייט זיך! און דאָס איז דאָך נאַרישקייט, ליטעראַטור! זאָג איר, דער!

ד ע ר. (מאַכענדיג א פּנים פון א נאָכדענקענדיגען)

יאָ, ביסט געדעכט, בריקע!

ב ר י ק ע.

זעסטו, נאַרעלע? אַלע זאָגען.

מ אַ נ ט ש י נ י.

פוי, — ווי דוס׳ט דערעסען, בריקע! דו ביסט אַ פולשטענדיגער דעכפּאָט, אנ׳אַזיאַט.

ש י נ ד ע. (בלאס שמייכלענדיג און אויסציענדיג צו בריקע די האנט אויף א קוש)

באַרויג זיך, לואי, ס׳איז אַלץ אַוועק. איך פאָר.

שטייט אויף, זיך שאָקלענדיג, נאָך אַלץ אין פיבער.

ב ר י ק ע.

אָבער, ווי וועסטו אַליין? ליבע...

מ אַ נ ט ש י נ י.

גולם! און דוס׳ט געזען, אז גראַף מאַנטשיני זאָל לאָזען אליין אַ פרוי, בעת זי נויטיגט זיך אין הילף? איך וועל זי אָפפירען. זיי רויג, געמיינע נשמה, איך וועל זי אָפפירען, טאָמאס, לויף נאָך אַנ׳אויטאָמאָביל! אָבער שטופּ זיך ניט, ברי= קע, דו ביסט אומגעשיקט, ווי אַ בעהעמאָט! אָט אַזוי! אָט אַזוי!..

האַלטענדיג זינידען, פירען זי לאַנגזאַם צום אויסגאַנג — מאַנטשיני און בריקע. קאָנסועללאָ, צולייגענדיג די הענט צום פּנים, קוקט איר אין אַ נישט ווילענדיג קינסטליכער פּאָזע נאָך.

מ אַ נ ט ש י נ י. (זיך אומדרייענדיג)

כ׳וועל זיך נאָך דיר אומקערען, קינד!

דאָ זיינען נאָר דער און קאָנסועללאָ. אויף דער אַרענע איז שוין מוזיק, געשרייען, געלעכטער.

דער.

קאָנסועללאָ!

קאָנסועללאָ.

דאָס ביסטו, ליבער דער?

דער.

פונוואַנען איז ביי דיר די פּאָזע? כ'האָב זי געזען נאָר איין מארמאָר... דו ביסט ענליך צו פסיכעיען!

קאָנסועללאָ.

כ'ווייס ניט, דער. (זיפצט אָפּ און זעצט זיך אויפן דיוואן, אפנהאלטענדיג אייך איר פּאָזע די זעלבע קינסטליכקייט און שיינקייט) ווי אומעטיג דאָ איז היינט, דער. דו באַדויערסט זיניִדען?

דער:

וואָס האָט זי געטאָן?

קאָנסועללאָ.

כ'האָב ניט געזען. ווי כ'האָב פאַרמאַכט די אויגען, אַזוי האָב איך ניט געעפענט. אַלפרעד זאָגט, אַז זי איז א שלעכטע, אָבער ס'איז ניט אמת. ביי איר זיינען געווען אַזוינע גוטע אויגען... און וואָס פאַר אַ קאַלטע הענטלאַך! ווי ביי אַ טויטע. צו וואָס טוט זי עס? אַלפרעד זאָגט, אַז מען דאַרף זיין אַ דרייסטע, אַ שיינע און אַ רויגע, און דאָס איז העסליך... דאָס, וואָס זי טוט. ס'איז ניט אמת, דער?

דער.

זי ליבט אלפרעדן.

קאָנסועללאָ.

אַלפרעדן? מיין בעזאַנאָ? (קוועטשט מיט די פּלייצעס, איז ערשטוינט.) ווי זשע ליבט זי אים? אַזוי ווי אַלע ליבען?

דער.

יאָ, אַזוי ווי אַלע ליבן. אָדער נאָך שטאַרקער.

קאָנסועללאָ.

בעזאַנאָ, בעזאַנאָ... ניין, ס'איז נאַרישקייטען!

קאָנסועללאָ.
וואָס פֿאר אַ שיינעם קאָסטיום דו טראָגסט, דער! האָסט איס אַליין אויסגעטראַכט?

דער.
מיר האָט דזשים געהאָלפען.

קאָנסועללאָ.
דזשים איז אַזאַ גוטער. קלאָאונען זיינען אַלע גוטע.

דער.
איך בין אַ שלעכטער.

קאָנסועללאָ. (לאַכט)
דו? דו ביסט דער בעסטער. אַך, גאָט מיינער! — נאָך גאַנצע צוויי אָפּטיילונגען... איצט איז די צווייטע, און מיר מיט אַלפרעדן זיינען אין דריטער. דו וועסט מיך קוקען?

דער.
איך קוק דיך שטענדיג, שיינהייט. ווי שיין דו ביסט, קאָנסועללאָ!

קאָנסועללאָ.
ווי? חוה? (שמייכעלט)

דער.
יאָ. קאָנסועללאָ! און אויב דער באַראָן וועט דיר מאַכען אַ פֿאָרשלאָג צו ווערען זיין פֿרוי, וועסטו אים אָננעמען?

קאָנסועללאָ.
באשטימט, דער! מיר מיטן פּאַפּאַ וואַרטען מער ניט דערויף. דער פּאַפּאַ האָט נעכטען געזאָגט, אַז ער וועט לאַנג ניט אויס־האַלטען. איך ליב אים ניט, פֿאַרשטייט זיך, אָבער כ׳וועל איס זיין אַ טרייע, אָרנטליכע פֿרוי. דער פּאַפּאַ וויל מיך לערנען שפּילען אויפֿן קלאַוויר.

דער.
דאָס זיינען דיינע ווערטער ויעגען „טרייער, אָרנטליכער" פֿרוי?

קאָנסועללאָ.

מײַנע, װעמענס דען זשע? ער ליבט מיך אַזױ דער אָרימינקער. דער, װאָס איז אַזױנס ליבע? אַלע זאָגען: ליבע, ליבע... אָט זינידע אויך. וואָס פֿאַר א אָרימינקע זי איז. וואָס פֿאַר א אומע־טיגער אָװענט איז היינט! דער, דו האָסט אַלײן אָנגעמאָלט דעם געלעכטער אויף דײַן פּנים?

דער.

אַלײן, קאָנסועללאָ.

קאָנסועללאָ.

װי אַזױ קאָנט איר עס? כ'האָב אײנמאָל געפּרובט אויסמאָלען בײַ זיך, אָבער ס'איז גאָרניט אַרויסגעקומען. פֿאַרוואָס זײַנען ניטאָ קײן פֿרויען קלאָאונען? נאָר דו שווײַגסט אַלץ, דער, הײַנט ביסטו אויף לאַנגווײליג?

דער.

נײן, הײַנט בין איך גליקליך. ווײַז די האַנט, קאָנסועללאָ. איך וועל טרעפֿען.

קאָנסועללאָ.

דו קענסט דען — ווי טאַלענטפֿול דו ביסט! נאַ דיר, נאָר ניט לײַג ווי אַ ציגײַנערין.

דער האָט זיך געשטעלט אויף אײן קני, און האָט גענומען די האַנט, במדע באַקוקען זי אַײנגעבויגענערהײט.

קאָנסועללאָ.

איך בין אַ גליקליכע?

דער.

יאָ, א גליקליכע... אָבער וואַרט... אַנ' — די ליניע... ס'איז מאָדנע. אַך, קאָנסועללאָ, וואָס דאָ איז אָנגעזאָגט! (שפּילט) איך ציטער, מײַנע אויגען וואַגען קוים פונאַנדערקלײַבען די מאָדנע אותיות, די שלימזלדיגע צײַכענס... קאָנסועללאָ!

קאָנסועללאָ.

דאָס רייִדען די שטערען?

דער.

דאָס רייִדען די שטערען. זייער שטים איז ווײַט און שרעקליך, זייערע שטראַלען זײַנען בלאַס, און די שאָטענס גליטשען זיך, ווי גייסטער פון געשטאָרבענע בתולות. זייער כשוף איז אויף דיר. — קאָנסועללאָ. שײנע קאָנסועללאָ, — דו שטייסט בײַ די טויערען פון דער אײביקײַט

קאָנסועללאָ.

איך פאַרשטײ ניט. איך וועל לאַנג לעבען?

דער.

די ליניע... ווי ווײַט זי גייט... ווי מאָדנע! דו וועסט לעבען אײביג, קאָנסועללאָ!

קאָנסועללאָ.

אָט האָסטו געזאָגט אַ ליגען, דער, ווי אַ ציגײַנערין.

דער.

אָבער דאָ איז אַזוי אָנגעצייכענט, דו נאַר אײנע! און דאָ... נײן, באַטראַכט נאָר, וואָס עס זאָגען די שטערען. אָט דאָ האָסטו אײביג לעבען, ליבע און רום, און דאָ... הער וואָס זאָגט יופּיטער. ער זאָגט: געטין, דו טאָרסט ניט געהערען צו אַנ׳ערד־געבוירענעם! און אויב — דו וועסט זיך דערלויבען פאַר־ראַטען מיטן באַראָן — — וועסטו אומקומען — — — דו וועסט שטאַרבען, קאָנסועללאָ!

קאָנסועללאָ. (לאַכענדיג)

ער וועט מיך אויפעסען?

דער.

נײן. דו וועסט שטאַרבען פריער, אײדער ער וועט דיך אויפעסען.

קאָנסועללאָ.

און וואָס וועט דאַמאָלס טאָן דער פּאַפּאַ, איז דאָ ניט אָנגע־זאָגט, דער?

לאַכענדיג, זינגט זי שטיל אַ וואַלצער־מאָטיוו, נאָכגייענדיג די דערוויטערטע און שטילע קלאַנגען פון אָרקעסטער.

דער.

ניט לאַך אָפּ פונם שטים פון די שטערען, קאָנסועללאָ! זיי זיינען וויט, די שטראַלען זייערע זיינען בלאַס און לייכט, און די שאָטענס גליטשען זיך קוים באַמערקזאַם, אָבער דער כשוף זייערער איז גרויזאַם און פינצטער. דו ביסט ביי די טויערן פון דער אייביקייט, קאָנסועללאָ. דיין מזל איז פאַרבעשטימט. דו — פאַרמשפט! און דיין אלפרעד, וועלכען ס'ליבט דיין הארץ און ס'קאָן ניט דער שכל, דיין אַלפרעד וועט דיך ניט ראַטעווען. ער איז אַליין אויף דער ערד א פרעמדער. ער איז אליין פארזונקען אין אַ טיפען שלאָף. ער איז אַליין אַ פאַרבלאָנדזשעטער געטל, וועלכער וועט קיינמאָל — קיינמאָל, קאָנסועללאָ! — ניט געפינען דעם וועג צום הימעל. פאַרגעס בעזאַנאָן!

קאָנסועללאָ.

כ'פארשטיי גאָר ניט! געטער זיינען אַ פנים דאָ? דער לערער האָט מיר דערציילט, אָבער איך האָב געמיינט, עס זיינען מעשהלאַך. (לאכט) און מיין בעזאַנאָ איז גאָט?

דער.

פאַרגעס בעזאַנאָן! קאָנסועללאָ, — ווייסט ווער ס'קאָן דיך ראַטעווען? — דער איינציגער, ווער ס'קאָן דיך ראַטעווען? איך!

קאָנסועללאָ. (לאכענדיג)

דו, דער?

דער.

יאָ, לאַך דאָך ניט! גיב אַקוק, זעסט דער אות? דאָס בין איך דאָך, נו, יאָ, איך, דער.

קאָנסועללאָ.

דער, וואָס קריגט די פעטש? דאָס איז דאָ אויך אָנגעזאָגט?

דער.

דאָס איז אויך אָנגעזאָגט, שטערען ווייסען אלץ. זע אָבער וואָס, וועגען אים איז ווייטער אָנגעזאָגט — קאָנסועללאָ, באַגריס אים! דער — דאָס איז אַנ׳איבערגעטאָנענער, אַלטער גאָט, וועלכער האָט זיך אויף דער ערד אַראָפּגעלאָזט פאַר דער ליבע צו דיר. צו דיר, נאַרישע קאָנסועללאָ!

קאָנסועללאָ. (לאַכענדיג און זינגענדיג)
אַ שיינער גאָט!

דער.

לאַך ניט! געטער ליבען ניט קיין פּוסטען געלעכטער, אז די ליפּען זיינען שיינע. און געטער בּיינקען און זיי שטאַרבען, אַז מען דערקענט זיי ניט. אָ, קאָנסועללע, אָ, גרויסע פרייד און ליבּע, דערקען דעם גאָט און נעם אים אָן! דערמאָן זיך, פלוצ-לונג מיטאַמאָל איז גאָט אראָפּ פון זינען!..

קאָנסועללאָ.
געטער גייען דען אויך אַראָפּ פון זינען?

דער.

יאָ — בעת זיי זיינען מענטשען אויף אַ העלפט. דעמאָלט גייען זיי אָפּט אַראָפּ פון זינען. פּלוצלונג זיין גרויסקייט דערזען — און דערציטערט געוואָרען פון שרעק, פון גרענעצלאָזער איינזאַמקייט, פון איבער מענטשליכער בּיינקשאַפט... שרעקליך איז, אַז בּיינק-שאפט... שרעקליך איז, אַז בּיינקשאַפט רירט אָן גאָט׳ס נשמה!

קאָנסועללאָ.
מיר איז אומאַנגענעם. אויף וועלכען לשון רעדסטו? — כ׳פאַרשטיי דיך ניט.

דער.

אויף דעם לשון פון דיין דערוואַכונג! קאָנסועללאָ, דערקען און נעם אָן דעם גאָט, וואָס איז אַראָפּגעשליידערט פון דער הויך ווי אַ שטיין! נעם אָן דעם גאָט, וועלכער איז צו דר׳ערד גע-

פֿאַלען, אום צו לעבען, אום צו שפּילען, אום צו זײַן גרעניצ־לאָז און לוסטיג שכור! עוואָע, געטין!

קאָנסועללאָ. (זיך מאַטערנדיג)

כ'פֿאַרשטײ ניט, דער! לאָז אָפּ מײַן האַנט.

דער איז אויפֿגעשטאַנען.

דער.

שלאָף אײַן — און ווידער וואַך זיך אויף, קאָנסועללאָ! און אויפֿגעוואַכט — דערמאָן זיך אָן דער צײַט, בעת אין שוים פֿון ים ביסטו פֿון שטראַל באַשײַנטען ים אַנטשטאַנען! דערמאָן זיך יענעם הימעל — און דעם שטילען ווינט פֿון מזרח — און דאָס מורמלען פֿונם שוים בײַ דײַנע פֿיס פֿון מאַרמאָר...

קאָנסועללאָ. (פֿאַרמאַכט די אויגען)

מיר שײַנט... וואַרט אָפּ... איך דערמאָן עפּיס... דערמאָן ווײַטער.

דער, איבערגעבויגען איבער קאָנסועללאָ און אויפֿהויבענדיג די הענט, רעדט שטיל. נאָר באַפֿעלענדיג, אַזוי ווי באַשווערנדיג.

דער.

דו זעסט ווי עס שפּילען די כוואַליעס? דערמאָן זיך, וואָס דעמאָלט האָבען סירענען געזונגען — דערמאָן זיך זייער ריי פֿון קומערלאָזער פֿרייד, זייערע ווײַסע קערפּערס, בלויע אויף אַ העלפֿט אין בלויען וואַסער... אָדער זינגט עס די זון? ווי סטרונען פֿון געטליכע האַרפֿען ציען זיך גאָלדענע שטראַלען — זעס'טו ניט די האַנט פֿון גאָט, וואָס שײַנקט דער וועלט האַרמאָניע, ליכט און ליבע? ניט אין בלויען קטרת רויכען זיך דען בערג און זינגען שבחים? דערמאָן זיך אָן די תפילות פֿון די בערג, דערמאָן זיך אָן די תפילות פֿונם ים, קאָנסועללאָ!

פ׳שוויַיגט.

דער. (באַפעלענדיג)

דערמאָן זיך דאָך, קאָנסועללאָ!

קאָנסועללאָ. (עפענענדיג די אויגען)

ניין. אך, דער, מיר איז געווען אַזוי גוט... און פלוצלונג האָב איך ווידער אַלץ פאַרגעסען, און אין האַרצען איז עפּיס נאָך דאָ... העלפ מיר דאָך, דער! דערמאָן! מיר טוט וויי. איך הער אַסך שטימען, אַלע זינגען זיי: קאָנסועללאָ! קאָנסועללאָ!.. און וואָס וויַיטער?

מ׳שוויַיגט.

קאָנסועללאָ.

און וואָס וויַיטער?.. מיר טוט וויי. דערמאָן דאָך, דער!

מען שוויַיגט. דאָרטען, אויף דער אַרענע, ברעכט די מוזיק אומגעריכט אויס: אַ ברויזענדיגען צירקוס-האַלאָפּ. מען שוויַיגט.

קאָנסועללאָ.

דער... (עפענט די אויגען און שמייכעלט) אַלפרעד שפּרינגט עס. דער= קענט זיַין מוזיק?

דער. (אין גרימצאָרן)

ווארף אַוועק דעם שגץ!

פאַלט אומגעריכט אויף די קני פאַר קאָנסועללאָן.

דער.

איך ליב דיך. — קאָנסועללאָ! אָטעם פון מיַין האַרצען, ליכט פון מיינע נעכט — איך ליב דיך, קאָנסועללאָ!

מיט אַנטציקונג און מיט טרערן קוקט ער אויף איר — און קרינט אַ פּאַטש.

דער. (זיך אָפּשלעפּדערנדיג)

וואָס איז עס?!

קאָנסועללאָ.

אַ פּאַטש! דו האָסט פאַרגעסען, ווער דו ביסט? (מיט בייזע אויגען אויפשטייענדיג) דו, דער, וואָס קריגט די פּעטש. דוס'ט פאַרגעסען? ניט קיין שלעכטער גאָט, וואָס האָט אזא פּרצוף... אַ געפּאַטשטען פּרצוף! ניט מיט פּעטש האָט מען דיך פון הימעל פאַרטריבען, גאָט?

דער.

וואַרט, שטיי ניט אויף... איך... איך האָב נאָך ניט דערשפּילט!

קאָנסועללאָ. (זיך זעצענדיג)

שפּילסטו גאָר?

דער.

וואַרט... כ'וועל באַלד! קאָנסועללאָ!

קאָנסועללאָ.

ס'ט מיך אָפּגענאַרט. צו וואָס האָסטו אזוי געשפּילט, אַז כ'האָב געגלויבט?

דער.

כ'בין דער, וואָס באַקומט די פּעטש.

קאָנסועללאָ.

ביסט ניט בייז, וואָס כ'האָב דיר אַ קלאַפּ געטאָן? כ'האָב דאָך ניט בכיון. אָבער דו ביסט געווען אזוי העסליך! און איצט ביסטו ווידער דער קאָמישער דער... ווי טאַלענטפול דו ביסט! אָדער דו ביסט שכור?

דער.

גיב מיר נאָך אַ קלאַפּ.

קאָנסועללאָ.

ניין!

דער.

דאָס דאַרף איך צו מײַן שפּיל. פּאַטש!

קאָנסועללאָ. (רירט אָן, לאַכענדיג, מיט די בריגע פינגער זײַן באַק)

נאַ, אָט האָסטו!

דער.

האָסטו ניט פאַרשטאַנען, אַז דו ביסט אַ מלכּה, און איך בין אַ הויף-לץ, וואָס איז אין דער מלכּה פאַרליבט. קאָנסועללאָ! — דו ווייסט דען ניט, אַז יעדע מלכּה האָט אַ לץ, און אַלע מאָל איז ער פאַרליבט, און אַלע שלאָגען אים דערפאַר? דער, וואָס קריגט די פּעטש.

קאָנסועללאָ.

ניין, כ'האָב ניט געוואוסט.

דער.

יעדע! אים האָט די שיינקייט, אים האָט די ווייזהייט — אַך, ווי-פיל לצים זי האָט! איר גאַנצער פּאַלאַץ איז פול מיט פאַר-ליבטע לצים, און דער קלאַנג פון פּעטש שטילט ניט אײַן אַפילו בײַנאַכט. אָבער אַזאַ געשמאַקע פּאַטש, ווי פון דיר, האָב איך נאָך ניט באַקומען, מײַן קליינע מלכּה!

פון דער זײַט פון טיר האָט זיך אימיצער באַוויזען, טריט. דער באַמערקט — און זעצט-פאָר דאָס שפּיל, זיך פלײַסיג קריטענדיג.

דער

קלאָון דער קאָן ניט האָבען קיין קאָנקורענטען! ווער וועט אויסשטיין אונטער אַזא מין האָגעל פון פרעסק, אונטער אַזאַ שלאַקס-רעגען, ניט ווערענדיג דורכגענעצט? איך פאַרגעטער דיך אומפאַרגלײַכבאַרע. (פאַרשטעלט הויך וויינענדיג) האָב רחמנות אויף מיר, כ'בין אַן אָרעמער לץ!

ס'זײַנען אַרײַן צווי: אַן אַריסטאָקראַט אין אַ בערײַטער-קאָסטיום און עפּיס אַ הע-

פון פובליקום. זייער אָנשטעגנדיג, טרוקען, אין שוואַרצען. דער הוט אין האַנד.

קאָנסועללאָ. (לאַכענדיג פארשעמט)

מ׳איז דאָרטען געקומען, דער. גענוג!

דער. (אויפשטייענדיג)

ווער? ווער האָט געוואַגט זיך אַריינרייסען אין די געצעלטער פון מיין מלכה?

ווערט פלוטלונג אַנטשוויגען. קאָנסועללאָ שפרינגט לאַכענדיג אויף און אַנטלויפט, אַ וואָרף טוענדיג אַ געשווינדטען קוק אויפ׳ן הערן.

קאָנסועללאָ.

דו׳סט מיך פריילין געמאַכט, דער. זיי געזונט! (פון טיר) מאָרגען וועסטו קריגען אַ בריוועלע.

בעריי טער. (לאַכט)

אַ פריילינער יונג, גנעדיגער הער. איר האָט פאַרלאַנגט איך זען? אָט. דער, ס׳איז צו דיר.

דער. (טויב)

מיט וואָס קאָן איך דינען?

דער בערייטער גייט, זיך אָפנייגענדיג און שמייכלענדיג, אַרוים. די ביידע מאַכען אַ טריט איינער צום אַנדערען.

דער הער.

דאָס זיינט... איר?

דער.

יאָ. דאָס בין איך. און דאָס זיינט... איר?

מ׳שווייגט.

דער הער.

קען איך גלויבען מײַנע אויגען? און דאָס זײַנט איר...

דער. (אין גרימצאָרען)

דאָ רופט מען מיך דער! כ'האָב נישט קײַן אַנדער נאָמען, איר הערט?! דער, וואָס קריגט די פעטש. און אויב דו פאַרלאַנגסט דאָ בלײַבען, באַוויליג דאָס צו באַמערקען!

דער הער.

דו? זײַבער ווי? ווײַט איך געדענק...

דער.

דאָ זאָגט מען אַלעמען דו און דו... (מיט פאַראכטונג) דו ביסט אין ערגיץ נישט ווערט קײַן בעסערס!

דער הער. (באַשיידען)

איר האָט מיר נישט פאַרגעבען... דער?

מ'שווײַגט.

דער.

דו ביסט דאָ מיט מײַן ווײַב? זי איז אין צירק?

דער הער. (אײַליג)

אָ, ניין. כ'בין אײַנער אַליין. זי איז געבליבען דאָרטען.

דער.

דו'סט זי נישט אַוועקגעוואָרפען?

דער הער (באַשיידען)

ניין. מיר האָבען... אַ זון. ווען איר זײַנט אַזוי פלוצלונג און געהײמניספול פאַרשוואונדען, איבערלאָזענדיג דעם מאָדנעם און באַליידיגענדען בריוו...

דער. (לאַכט)

באַליידיגענדען? דו קאָנסט מיך נאָך באַליידיגען? צו וואָס ביסטו דאָ? האָסטו מיך געזוכט, אָדער צופעליג?

דער הער.

אַ האַלב יאָהר זוך איך אײַך אין אַלע לענדער. און פּלוצלונג הײַנט, באמת צופעליג... כ׳האָב נישט קײן באַקאַנטע און כ׳בין אַ-וועק אין צירק... מיר דאַרפען זיך פאַרשטענדיגען... דער! איך בעט אײַך!

מ׳שווײַגט

דער.

דאָס איז דער שאָטען, וועלכען כ׳קאָן נישט פאַרלירען. זיך פאַר-שטענדיגען — דו האַלטסט, אַז מיר דאַרפען זיך נאָך פאַרשטענ-דיגען? גוט. לאָז איבער דײַן אדרעס בײַם פּאָרטיע, כ׳וועל צע-וויסען געבען, ווען מ׳קאָן מיך זען. און אַצינד -- אַרויס (חוצפה׳דיג) איך בין פאַרנומען.

דער הער גײט, זיך פאַרנײַגענדיג, אַרויס. דער, נישט ענטפערנדיג אויף דער באַגריסונג, שטײט מיט אַנ׳אויסגעצײגענער האַנט — אין פּאָזע פון אַ שרה, וועלכער באַגלײט אַ באַזוכער, וואָס׳ט אים דערעסען.

פ אָ ר ה אַ נ ג.

דריטער אַקט

די זעלבּיגע אויסשטאַטונג.

אין דער פרי, פאַר'ן אָנהויב פון די פּראָבעָן. ד ע ר גייט אַרום פאַרטראַכט
מיט גרויסע טריט איבערן צימעָר. אָנגעטאָן אין אַ ברייטע, בּונטע געקעסטעל-
טע מאַרינאַרקע, אויפן האַלז אַ בּונטער שליפּס; דעָר הוט איף דער פּאַטיל-
ניצע. זיין פּנים איז גלאַט אויסגעראַזירט ווי בּיי אַן אַקטיאָר. די ברעמען אָנ-
געבּלאָזען, די ליפּען ענעָרגיש צוזאַמענגעדריקט, — דער אויסזען אַ פאַרכמורע-
טער און אַ רגזדיגעָר. מיטן אָנקומען פונם העָרן בּייט זיך דער אויסדרוק, דער
פּנים ווערט קלאָאוניש בּאַוועגליך, ווי אַ לעָבּעדיגעָ מאַסקע.

אין טיר בּאַווייזט זיך דעָר ה ע ר. אָנגעטאָן אין שוואַרצעָן, זייער אַנשטענדיג
דער דאַרעָר פּנים גלאַנצט אָפּ מיט אַ קרייזקליכער געלקייט; אין די מינוטען
פון אויפרעגונג פּינטעלט ער אָפּט מיט די אויסגעלאָשענע, פאַרבּלאָזע אויגען.
דער בּאַמעָרקט אים נישט.

ד ע ר ה ע ר.
גוט מאָרגען, גנעדיגער הער.

ד ע ר. (זיך אומקערענדיג און צעשטרייט אַרײַנקוקענדיג זיך)
אַ — דאָס זיינט איר!

ד ע ר ה ע ר.
ניט שפּעט?.. נאָר איר זעט אויס אַזוי, ווי איר וואָלט אויף
מיך ניט געוואַרט. כ'האָב ניט געשטערט? אָבּער איר האָט
אַליין בּאַשטימט די שעה, און איך האָבּ געוואַגט...

דער.

אָן רעווערענסען! וואָס דאַרפסטו האָבען פון מיר? רייד גיכער כ'האָב ניט קיין איבריגע צייט.

דער הער. (זיך מיט עקעל ארומקוקענדיג)

כ'האָב גערעכענט, איר וועט מיך איינלאַדען ערגיץ=וואו אַין אַנ'אַנדער אָרט... אין אייער הויז...

דער.

איך האָב ניט קיין אַנדער הויז. מיין הויז איז דאָ.

דער הער.

אָבער דאָ קאָן מען אונז שטערן...

דער.

וועט זיין ערגער פאַר דיר: רייד קירצער.

מ'שווייגט.

דער הער.

איר וועט מיך דערלויבען זיך זעצען?

דער.

זעץ זיך. פאָרזיכטיגער, דער שטול איז צעבראָכען!

דער הער באַזייטיגט דערשראָקען דעם שטול און קוקט זיך הילפלאָז אַרום; דאָ דאַכט זיך אים אַלץ פאַר נעפּערליך און משונהדיג. קלייבט אוים אַ פעסטען נאָכן אויסזעהן, באַגילטען דיוואַנדעל און זעצט זיך, שטעלט אַנידער דעם צילינדער, ציט לאַנגזאַם אַראָפּ די צוגעקלעפּטע הענטשקעס. דער קוקט זיך גלייכגילטיג צו.

דער הער.

אין דעם אַנצוג מיט דעם פנים מאַכט איר אויף מיר א נאָך מער משונהדיגען איינדרוק. אויב נעכטען האָט זיך עס אַלץ באַוויזען פאַר אַ חלום, זיינט איר היינט...

דער.

דוס'ט פֿאַרגעסען ווי מען רופֿט מיך? מ'רופֿט מיך דער.

דער הער.

איר ווילט מיר אַנטשיידען זאָגען דו?

דער.

אַנטשיידען. אָבער דאָ שליידערסט די צייט ווי אַ קניִן. איל זיך צו.

דער הער.

איך ווייס, באמת, ניט... דו איבערראַשט מיך אלץ אַזוי... די אַפּישען, די פֿערד, די חיות, פֿארביי וועלכע כ'בין דורכגעגאַנגען, זוכענדיג איך... ענדליך איר! אַ קלאָאון עפּיס אין אַ צירק! (ליכט און אנשטענדיג שמייכלענדיג) האָב איך דען געקאָנט ערוואַרטען? וואָרהאַפֿטיג, ווען דאָרטען האָבען אַלע בעשלאָסען, אַז איר זיינט געשטאָרבען, האָב איך איינער זיך אַרויסגעזאָגט געגען: כ'האָב געפילט, אז איר זיינט נאָך לעבעדיג... אָבער געפינען איך אין אַזאַ אַנטוראַזש — דאָס איז איבער מיין פֿאַרשטאַנד!

דער.

דוס'ט געזאָגט, אַז ביי איך איז א זון געבוירען. ער איז ניט ענליך אויף מיר?

דער הער.

כ'פארשטיי ניט!..

דער.

דו ווייסט אַ פּנים ניט, אז ביי אַלמנות און גרושות זיינען זייערע קינדער פֿון נייעם מאַן אָפט ענליך צום אלטען? מיט דיר האָט דאָס אומגליק ניט פּאַסירט? (לאכט) און דיין בוך האָט אויך ערפֿאָלג, האָב איך געהערט?

דער הער.

איר ווילט מיך פֿון דאָס ניי באַליידיגען...

דער. (לאכט)

וואָס פֿאר אַן'אמביציעזער און וואָס פֿאַר אַן'אומרויגער אָשוסט!

זיץ, זיץ רויג — דאָ איז אָנגעגומען אַזוי צו ריידען. צו וואָס
האָסטו מיך געזוכט?

דער הער.

מיין געוויסען...

דער.

דו האָסט ניט קיין געוויסען. אָדער ביסטו אומרויג געוואָרען,
וואָס דוס'ט מיך ניט איינגאַנצען באַ'גנבעט און ביסט געקומען
נאַך דאָס איבעריגע? וואָס אָבער קאָנסטו נאָך נעמען ביי מיר?
מיין לצנישען מיצעל מיט די גלעקלאַך? אים וועסטו ניט נע=
מען: ער איז צו גרויס פאַר דיין געפּליכטען מח! קריך צוריק,
ביכער=וואָרים.

דער הער.

איר קאָנט ניט פאַרגעבען, וואָס אייער פרוי...

דער.

צום טייוועל מיין פרוי!

דער הער איז איבערראַשט. און הויבט אויף די ברעמען. דער לאַכט.

דער הער.

כ'וויים וואָרהאַפטיג ניט... אָבער וואָס פאַר אַ לשון! איך אַנט=
זאַג זיך אנטשיידען אויסצודריקען מיינע געדאַנקען... אין דער
אַטמאָספער. נאָד אויב איר זיינט אזוי... גלייכגילטיג צו אייער
פרוי, וועלכע — ~~כ'עוליב זיך עס אונטערשטרייכען~~ — האָט אייך
געליבט און געהאַלטען פאַר אַ הייליגען מענטשען... (דער לאַכט)
וואָס האָט אייך געבראַכט צו אַזאַ מין... טריט? אָדער איר
קאָנט מיר ניט שענקען מיין ערפאָלג... אמת ניט איינגאַנצען
פאַרדינטען און מיט אייער דערנידערונג מיינט איר נקמה נע=
מען ביי מיר און ביי אַלע אַנדערע, וואָס האָבען אייך ניט
פאַרשטאַנען? אָבער איר זיינט אלע מאָל געווען אַזוי גלייכ=
גילטיג צו רום! אָדער אייער גלייכגילטיקייט איז געווען מער

ניט אַ פּאַרשטעלעניש, און ווען אַ מער גליקליכער קאָנקורענט...

דער. (צולאַכט זיך)

קאָנקורענט! דו — אַ קאָנקורענט?

דער הער. (ווערענדיג בלאַס)

אָבער מײַן בוך!..

דער.

דו קאָנסט מיט מיר רײדען וועגען דײַן בוך? מיט מיר?!

דער הער ווערט בלאַס. דער קוקט מיט נײַגיריקײַט און חוזק אויף אים.

דער הער. (אויפהויבענדיג די אויגען)

כ׳בין זייער — אַנ׳אומגליקליכער — מענטש.

דער.

פאַרוואָס?

דער הער.

כ׳בין זייער אַנ׳אומגליקליכער מענטש. איר דאַרפט מיר פאַרגעבען. כ׳בין טיף — כ׳בין האָפענונגסלאָז און גרעניצלאָז אומגליקליך.

דער.

פאַרוואָס אָבער, סוף=כל=סוף? דערקלער מיר. (גייט אום) דוס׳ט אַליין געזאָגט: דײַן בוך האָט אַ רוישענדיגען ערפאָלג, דו ביסט באַוואוסט, דו ביסט באַרימט; ניטאָ קיין גאַסען=צײַטונג, וואו עס זאָל ניט געבראַכט ווערען דײַן נאָמען און... דײַנע געדאַנקען. ווער האָט מיך געקענט? ווער האָט געדאַרפט האָבען מײַנע שווערע פלוידערניש, אין וועלכער ס׳איז קיין זינען ניט אַרויסצוגעפינען? דו — דו, דער גרויסער באַשמוצער! — האָסט געמאַכט מײַנען געדאַנקען צוטריטבאַר אַפילו פאַר פערד. מיט דער קונסט פון גרויסען פּראָפּאַנאַטאָר, פון אידעען=שנײַדער, האָסטו אָנגעטאָ מײַן אפּאָלאָ פאַר אַ פּריזירער, מײַן ווענערען האָסטו געגעבען אַ געלען בילעט, צו מײַן ליכטיגען העלד האָסטו צוגעשטעלט די אויערן פון אַנ׳אייזעל, און דאָ איז דײַן קאַריערע שוין געמאַכט,

ווי דזשעקסאָן זאָגט. און וואוהין איך זאָל ניט גיין, קריכט זיך אויף מיר די גאַנצע גאַס מיט טויזענטער פּרצופֿים אין וועלכע — אָ, חוזק! — איך דערקען די געשטאַלטען פון מיינע אייגענע קינדער. אָ, ווי העסליך מוז דאָס זיין דיין זון, וועלכער איז ענליך צו מיר! פאַר וואָס־זשע ביסטו אומגליקליך — אומגליקליכער?

דער העֶר לאָזט אַראָפּ די קאָפּ, רייבט די הענטשקעס.

— דיר האָט דאָך די פּאָליציי נאָך ניט געכאַפּט? וואָס פלוידער איך — דיך קאָן מען אַ פּנים כאַפּען? דו ביסט אַלעמאָל אין די גרעניצען פון געזעץ. אויך איצטער קווועלסטו זיך איבער דעם, וואָס דו ביסט מיט מיין ווייב ניט געשטאַנען אונטער דער חופּה: ביי דיינע גנבות איז אַלעמאָל אַ נאָטאַריוס דערביי. וואָס דאַרפסטו זיך קווועלען, מיין פריינד: האָב חתונה! איך בין געשטאָרבען. אָבער דיר איז קנאַפּ מיין ווייב? הערש מיט מיין רום — ער איז דיינער! הערש מיט מיינע אידעען... טרעט אַריין אין דיינע רעכט, געזעצליכסטער יורש! איך בין געשטאָרבען! און שטאַרבענדיג (מאַכט א טעמפּ־פרומען פּנים) דיר מוחל געווען.

צעלאַכט זיך.

דער הער הויבט אויף דעם קאָפּ און שטעלט, זיך אייַנבויגענדיג, אוים זיין אויסגעלאָשענעם בליק אויף דערן.

דער הער.

און שטאָלצקייט?

דער.

דו — שטאָלץ?

דער הער גלעט זיך אום און שאָקעלט שווייגענדיג מיטן קאָפּ.

דער.

פונדעסטוועגען!.. אָבער רוק זיך אָפּ, איך בעט דיך, מיר איז אומאַנגענעם. מען זאָל נאָר אַ קלער טאָן, אַז איך האָב דיך ווען עס איז אַ ביסעל ליב געהאַט און זאָגאַר געהאַלטען פאר טאַלאַנטפול! דיך — מײַן פלאַכען שאָטען!

דער הער. (שאָקלענדיג מיטן קאָפּ)

כ'בין — אײַער שאָטען.

דער גייט אום איבערן צימער און קוקט איבערן שולטער, שמייכלענדיג, אויפן הערן.

דער.

ניין — דו ביסט פּרעכטיג. אָבער וואָס פאַר אַ קאָמעדיע! וואָס פאַר אַ רירענדיגע קאָמעדיע! הער אויס, זאָג אָפען און גלײַך, אויב דו קאָנסט: שטאַרק האַסטו מיך?

דער הער.

יאָ. מיט דער גאַנצער שנאָה, וועלכע ס'איז דאָ אויף דער ערד. זעצט זיך דאָ.

דער.

דו באַפעלסט?

דער הער.

זעצט זיך דאָ. איך דאַנק אײַך. (זיך איינבויגענדיג) איך בין געשעצט און פּאַרמאָג רום — יאָ? איך האָב א ווייב און אַ זון — יאָ? (לאַכט שטיל) אָבער מײַן ווייב ליבט אײַך: אונזער באַליבטסטער שמועס איז וועגען אײַער גאונות... זי האַלט אײַך פאַר אַ גאון, מיר ביידע ליבען אײַך אַפילו אין בעט. טסס! קרימען דאַרף איך זיך. מײַן זון — יאָ, ער וועט זײַן ענליך צו אײַך. און בעת, אָפּצוזויען זיך פון דאָס פרעמדע, גיי איך צו מײַן טיש,

צו מײַן טיַנטער, צו מײַנע ביַכער — שטױס איך זיך דאָרטען אויך אָן אויף איַיך. שטענדיג — איַר, אומעטום=איַר, און קײַנ= מאָל ניַט איך אַלײן, קײנמאָל ניַט איך אײנער אַלײן. און בעת בײַנאַכט — (פאַרשטײט זשע, גנעדיגער הער!) - גײַ איך אַװעק צו מײַנע אײנזאַמע רעיונות, צו די בײַנאַכטיַגע שלאָפלאָזע מחשבות -- געפינ איך אויך דאָרטען, אין מײַן אומגליקליכען מאַרך, איַיער געשטאַלט.. איַיער פאַרפלוכטען, איַיער פאַרהאַס= טען געשטאַלט!

מ'שװײַגט. דער הער װאַרפט זיך אָפּ און פּינטעלט.

ד ע ר. (מורמעלט)

װאָס פאַר אַ קאָמעדיע, װי אַלץ איז װאונדערליך איבערגעקערט אין דער דאָזיגער װעלט: דער באַרויבטער — לאָזט זיך אויס פאַרן רויבער, דער רויבער — באַקלאָגט זיך אויף דער גניבה און שילט!.. (לױט) הער אויס: ביַכט ניַט מײַן שאָטען, כ'האָב געהאַט אַ טעות. ביסט — דער המון. לעבענדיג דורך מיר, האַסטו מיך. אָטעמענדיג דורך מיר, שטיקסטו זיך פון בײזקײט. און זיך שטיקענדיג פון בײזקײט, האַסענדיג, פאַראַכטענדיג מיך — שלעפּסטו זיך נאָך אין עק פון מײַנע אידעען... אָבער מיטן הינטען פאָראויס! מיטן הינטען פאָראויס, חבר! אָ, װאָס פאַר אַ פראַכטפולע קאָמעדיע!

גײט אום שטײַכלענדיג. מ'שװײַגט.

ד ע ה.

הער אויס: און דיר װעט ניַט װערען לײַכטער, אויב איך װעל... באמת שטאַרבען?

ד ע ר ה ע ר.

יאָ. איך מײן. דער טויט שאַפט אַ שטרעקע און פאַרטויבט דעם

זכרון. דער טויט... געוואוינט איין. אָבער איר זיינט ניט ענליך אויף אַ מענטשען, וועלכער...

דער.

יאָ, יאָ... דער טויט! ס'פאַרשטייט זיך!

דער הער.

זעצט זיך דאָ.

דער.

כ'הער. נו?

דער הער.

ס'פאַרשטייט זיך, כ'וואָג ניט צו בעטען איינך... (קרימט דעם מויל) צו בעטען איינך שטאַרבען, אָבער זאָגט: איר וועט זיך קיינמאָל ניט אומקערען אהין? ניין, ניט לאַכט... איר ווילט, כ'וועל איינך אַ קוש טאָן די האַנט? ניין, מען דאַרף זיך ניט קרימען. כ'וואָלט דאָך איינך אַ קוש געטאָן די האַנט, אַז זי וואָלט געוואָרען... אַ טויטע?

דער. (שטיל)

אַוועק, שרץ!

שפילענדיג (ווי אין ערשטען בילד), גייען אַריין מיט קליינע טריטעלאַך טילי און פּאָלי, זעען לאַנג ניט די שמועסענדיגע.

דער.

זשאַק...

טילי.

אַ, גוט מאָרגען, דער. מיר שטודירען. ווייסט, זייער שווער, זשאַק האָט אין קאָפּ אַזוי פיל מוזיק, וויפיל מיין דבר-אַחר.

דער. (גלטבליבלטיג)

ס'איז מיין פריינד... צום בענעפיס?

די קלאָאונען מאַכען, באַגריסענדיג, אַן'אידיאָטישען פּנים.

פּאָלי.

יאָ. און דו וואָס גרייטסט? ביסט אַ געשייטער, דער. קאָנסועללאָ האָט געזאָגט, אַז דו גרייטסט צו איר בענעפיס. זי גייט אין גיכען אַוועק, ווייסטו?

דער.

אמת?

טילי.

זינידע האָט געזאָגט, אַז ניט וואָלטען זיי געגעבען אַ בענעפיס? אָבער זי איז אַ וואוילע מיידעל.

פּאָלי. (נעמענדיג ס'פּיפּעלע)

נו? און ניט גיי אַזוי, ווי פלומרשט א העלפאַנד. ביסט אַ מוראַ־שיק. נו?

גייען שפּילענדיג אַוועק.

דער הער. (שמייכלענדיג)

דאָס זיינען אייערע נייע חברים? וואָס פאַר אַ מאָדנע זיי זיינען...

דער.

דאָ איז אַלץ מאָדנע.

דער הער.

אָט דער קאָסטיום אייערער... אייך האָט אַזוי געקליידט שוואַרץ. פון אים שווינדעלט אין די אויגען.

דער. (זיך באקוקענדיג)

ניין, ס'איז שיין. — ס'האָט זיך אָנגעהויבען די פּראָבע, דאַרפסט אַוועקגיין. שטערסט.

דער הער.

אָבער איר האָט ניט געענטפערט אויף מיין פראַגע!

אויף דער אַרענע שטילע קלאַנגען פון טאַנגאָ. א קליינער אָרקעסטער.

דער. (הערענדיג די מוזיק צעשטרייט)

אויף וועלכע?

דער הער. (ניט הערענדיג די מוזיק)

איך בעט אײַך מיר זאָגען: איר וועט זיך ווען עס איז אומ־קערען אַהין, אָדער ניט?

דער. (הערענדיג די מוזיק)

קיינמאָל ניט... קיינמאָל ניט, קיינמאָל ניט.

דער הער. (אויפשטייענדיג)

כ'דאַנק אײַך. כ'גיי אַוועק.

דער.

קיינמאָל ניט, קיינמאָל ניט, קיינמאָל ניט... יאָ, גיי אַוועק — און ניט קער זיך אום. דאָרטען ביסטו געוועזען נאָך דערטרעגליך און אויף עפּיס נויטיג, און דאָ ביסטו אַנ'איבעריגער.

דער הער.

אָבער אויב מיט אײַך וועט וואָס פּאַסירען?.. איר זײַנט אַ מענטש אַ געזונטער, נאָר אין אַזאַ מין אַנטוראַזש, אַזוינע מיני מענט־שען... ווי וועל איך זיך דערוויסען דעמאָלט? אײַער נאָמען איז דאָ ניט באַקאַנט?

דער.

מײַן נאָמען איז דאָ ניט באַקאַנט, נאָר דו וועסט זיך דערוויסען. נו, וואָס נאָך?

דער הער.

איך קאָן זײַן רואיג? איר גיט מיר אײַער עהרען-וואָרט? ס'פּאַר־שטייט זיך — פאַרהעלטניסמעסיג רואיג.

דער.

יאָ, דו קאָנסט זײַן פאַרהעלטניסמעסיג רואיג. קיינמאָל ניט!

גייען צום טיר. דער הער שטעלט זיך אָפּ.

דער הער.

און איך מעג זײַן אין צירק... איר דערלויבט?

דער.

ס'פאַרשטייט זיך: ביסט דאָך עולם! (לאַכט) אָבער קיין קאָנטראַ־מאַרקע וועל איך דיר ניט געבען. און צו וואָס באַדאַרפסטו דאָ זיין? דו ליבסט אַזוי צירק? פון ווען אָן?

דער הער.

מיר ווילט זיך נאָך אַמאָל איין אַ קוק טאָן און אפשר, באַג־רייפען... אַזאַ מעטאַמאָרפאָזע! איין קענענדיג, קאָן איך ניט דערלאָזען, אז אויך דאָ זאָלט איר ניט מיינען אַ וועלכע ס'איז אידעע. אָבער וועלכע?

קוקט זיך קורצזיכטיג איין אין דערן. דער קרימט אוים אַ פרצוף און מאַכט לצניש מיטן נאָז.

דער הער.

וואָס איז דאָס?

דער.

מיין אידעע! — כ'האָב די עהרע זיך פאַרנייגען, פירשט! מיין גרוס אייער הויכגעהערטער פרוי און דעם הויף - וואוילגעבוירע־נעם זון פון אייער דורכלייכט!..

ס'קומט אַריין מאַנטשיני.

מאַנטשיני.

דו וואוינסט ממש אין צירק, דער. ווען איך זאָל ניט קומען, ביסטו שוין דאָ... כ'איז אַ פאַנאַטיקער פון זיין זאַך, גנעדיגער הער...

דער. (באַקאַנטמאַכענדיג)

פירשט פאָניאַטאָווסקי! גראַף מאַנטשיני!

מאַנטשיני. (זיך צורעכטמאַכענדיג)

זייער, זייער אַנגענעם. איר קענט פירשט אויך מיין צודרייטען? ניט אמת, וואָס פאַר אַ וואוילער פרצוף!

רירט אָן מיטן שטעקען דערם פּלייצע.

דער הער. (אומגעשיסט)

יאָ, כ'האָב געהאַט דאָס פאַרגעניגען, ווי דען... כ'האָב ~~דעם~~ כבוד, גראַף...

מאַנטשיני.

כ'האָב די עהרע, פּירשט.

דער. (באַגלייטענדיג)

פאַרזיכטיגער, אייער דורכלויכט, אין די פּינצטערע דורכגייענג: דאָ טרעפען זיך אזוינע טרעפּלאַך. צום באַדויערן האָב איך ניט די מיגלעכקייט אייך ארויסצופירען אַליין אויפן גאַס...

דער הער. (זיך אָפּשטעלענדיג, שטיל)

איר וועט מיר נישט דערלאַנגען די האַנט צום ~~אָבשייד~~? מיר שיידען זיך אויף שטענדיג.

דער.

ס'איז איבעריג, פּירשט. כ'האָב די האָפענונג מיט אייך זיך צו טרעפען אין הימעל=וועלט. איר וועט דאָך דאָרטען אויך זיין?

דער הער.

ווען'ט איר צייט געהאט? אין אייך איז אַזוי פיל קלאָאונישדיגעס.

דער.

אַיך בין דער, וואָס קריגט די פּעטש. צום ווידערזען, פּירשט!

מאַכט נאָך אַ טריט.

דער הער. (ארײנקוקענדיג אין דערס אויגען, גאַנץ שטיל)

און איר זייט — ניט אַראָפּ פון זינען?

דער. (אויך אַזוי שטיל, מאַכענדיג גרויסע אויגען)

כ'האָב מורא... כ'האָב מורא, אַז איר זייט גערעכט, פּירשט — (נאָך שטילער) איינזעל! קיינמאָל האָסטו זיך נאָך ניט אויסגעדריקט אַזוי פּינקטליך: איך בין אַראָפּ פון זינען!

שפּילענדיג באַווײַזט ער אַזױ װי טרעפּלאַך — פון קאָפּ צום דיל.

דער. (לאַכט)

אַראָפּ! פּירשט — צום ווידערזען!

דער הער נײַט אַרױס. דער מאַכט, זיך אומקערענדיג, אַ פּאַ און שטעלט זיך אַנידער אין פּאָזע.

דער.

מאַנטשיני — לאָמיר טאַנצען טאַנגאָ! מאַנטשיני — כ'פאַרגעטער דיר.

מאַנטשיני. (זיצט אָנגעלענט און שפּילענדיג זיך מיטן שטעקן)

נו, נו — ניט פאַרגעס זיך, דער. אָבער דו באַהאַלטסט עפּיס, גולם; כ'פלעג אַלע מאָל זאָגען, אַז דו ביסט פון דער געזעלשאַפט. מיט דיר איז אַזױ לײַכט! און װער איז דאָס דער פּירשט דײַנער — אנ'אמתער?

דער.

אויפן העכסטען אופן אַנ'אמתער. װי אויך דו!

מאַנטשיני.

אַ סימפּאַטישער פּנים, הגם מיט אַמאָל האָב איך אים אָנגענומען עפּיס פאַר א קברים-מאַן, װעלכער איז געקומען אָננעמען אַ באַשטעלונג. אַך, דער! — װען װעל איך זיך ענדליך צעשײדען אָט מיט די שמוציגע װענט, מיט פּאַפּאַ ברוקע, מיט די נאַריִשע אַפּישען, מיט די געמײנע זשאַקיען!

דער.

איצט אין גיכען, מאַנטשיני.

מאַנטשיני.

יאָ, איצט אין גיכען. אַך, דער — כ'בין פּשוט אָן כּחות געבליבען אין דער סביבה, כ'הױב זיך אָן פילען פאַר אַ פערד. דו ביסט פון דער געזעלשאַפט, נאָר דו װײסט נאָך ניט, װאָס אַזױנס איז די הױכװעלט! זיך, ענדליך, אָנשטענדיג אָנטאָן,

זײַן אויף אויפנאַמען, גלענצען מיט שאַרפזיניקײַט, טײַלמאָל זיך דורכוואַרפען אין באַקאַרא (לאַכט), ניט זוכענדיג קײן קונצען און זשאָנגלירונג...

דער.

און אין אָוענט זיך אַוועקשפּאַצירען אין פאָרשטאָדט, וואו מען האַלט זיך פאַר אַנ'אָרנטליכען פּאָטערל, וואָס ליבט קינדער און...

מאנטשיני.

און עפּיס וואָס אַרײַנכאַפּען, יאָ! (לאַכט) כ'וועל טראָגען א זײַדע־נע מאַסקע און מיר וועלען נאָכגײַן צווײ לאָקײַען, אַז דער נידערטרעכטיגער פּלעבס זאָל מיך ניט באַלײדיגען... — אַך, דער, אין מיר זידט דאָס בלוט פון מײַנע אָבות! גיב אַ קוק אויף דעם שטילעט: ווי מײַנסטו, ער איז ווען עס איז געווען אין בלוט?

דער.

דו שרעקסט מיך, גראַף!

מאַנטשיני. (לאַכענדיג און אַרטנגלײַגענדיג דעם שטילעט)

גולם!

דער.

און ווי האַלט עס מיט דער מײדעלע?

מאַנטשיני.

טסס! די בירגער זײַנען פולשטענדיג באַפרידיגט און בענטשען מײַן נאָמען. (לאַכט) איבערהויפּט צעברענט זיך דער גלאַנץ פון מײַן נאָמען מיט אַנ'אום--גע—הויערען כח! אַגב: דו ווײסט ניט, וועלכע פירמע פון אויטאָמאָבילען ס'רעכענט זיך פאַר די בעס־טע? געלט איז ניט וויכטיג. (לאַכט) אַ, פּאַפּאַ בריקע!

ס'קומט אַרײַן בריקע, אָנגעטאָן אין פּאַלטאָ און צילינדער. מ'באַגריסט זיך.

בריקע.

נו אָט האָסטו זיך דערשלאָגען אַ בענעפיס פאַר דײַן קאָנסועללאָ, מאַנטשיני! כ'מוז, אַגב זאָגען, אַז ווען ניט זינידע...

מאַנטשינ.

אָבער, הער אויס, בריקע, דו ביסט ממש אנ'אייזעל: וואָס באַ-
קלאָגסטו זיך? אויף קאָנסועללאָס בענעפיס נעמט דער באַראָן
דעם גאַנצען פּאַרטער, דיר איז דאָס ווייניג, קמצן?

בריקע.

כ'האָב ליב דיין טאָכטער, מאַנטשיני, און מיר איז אַ שאָד זי
אָפּצולאָזען. וואָס פעלט איר דאָ? אַנ'אָרנטליכע מלאכה, וואוילע
חברים — און דאָס לופט?

מאנטשיני.

ניט איר, נאָר מיר פעלט — פאַרשטאנען? (לאַכט) כ'האָב דיר
געבעטען, האַרפּאַגאָן: דערלייג, און אצונד וועסטו מיר גיט
אויסבייטען טויזענט פראַנק, דירעקטאָר?

בריקע. (מיט א זיפץ)

וויַיז אַהער.

מאנטשיני. (נאָכלעסיג)

מאָרגען. כ'האָב זיי געלאָזען אינדערהיים.

אַלע דריי לאַכען.

מאַנטשינ.

לאַכט, לאַכט! און היינט פאָרען מיר מיטן באַראָן אין דיין
אויסענשטאָדטיגע ווילע; מ'זאָגט, ניט קיין שלעכטע ווילע...

דער.

נאָך וואָס?

מאַנטשינ.

גו, דו קאָנסט די קאַפּריזען פון די מיליאַרדערען, דער. ער
וויל ווייזען קאָנסועללאָן עפּיס ווינטער-רויזען, און מיר זיין קעלער.
ער וועט נאָך אונז צופאָרען אהער... וואָס איז מיט דיר קאָנסועלינקע?

סיקומט אריין קאָנסועללאָ פּמעט תּמיגעדיג.

קאָנסועללאָ.

כ'קאָן ניט, פּאַפּאַ, זאָג אים! וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער צו שרייַען אויף מיר? ער האָט מיך שיעור ניט אַ שמיץ געטאָן מיטן בייַטש.

מאַנטשינג. (זיך אויסגלײַכנדיג)

בריקע! איך בעט אייַך, ווי דעם דירעקטאָר... וואָס איז עס פאַר אַ פערדען-שטאַל? מייַן טאָכטער — מיטן בייַטש? איך וועל דעם שנעק! עפּיס אַ זשאָקיי — ניין, ס'איז דער טייַוועל ווייס וואָס! דער טייַוועל ווייס וואָס, איך שווער!

קאָנסועללאָ.

פּאַפּאַ...

בריקע.

יאָ, כ'וועל זאָגען...

קאָנסועללאָ.

אַך, ניין דאָך! אַלפרעד האָט מיך גאָרניט געטאָן קיין שמיץ, כ'האָב אַזוי נאַריש געזאָגט. וואָס האָט איר אויסגעטראַכט? ער אַליין באַדויערט אַזוי...

בריקע.

פונדעסטוועגען וועל איך זאָגען, אַז...

קאָנסועללאָ.

ניט וואַג! מ'דאַרף ניט ריידען. ער האָט גאָרניט געטאָן!

מאַנטשינג. (זיך נאָך קאָכענדיג)

ער דאַרף זיך אַנטשולדיגען, דער שנעק.

קאָנסועללאָ.

אַך, ער האָט זיך דאָך אַנטשולדיגט — ווי נאַריש איר זייַט אַלע! פשוט מיר גיט זיך הייַנט ניט איין, און איך האָב זיך אויפגערעגט, קלייניגקייַטען. ער האָט זיך אַזוי אַנטשולדיגט, דער נאַר און איך האָב ניט געוואָלט פאַרגעבען. דערן ליבער, גוט מאָרגען, כ'האָב דיך ניט באַמערקט... ווי ס'קליידט דיר דער שניפּס. וואוהין גייסטו, בריקע? צו אַלפרעדען?

בריקע.

ביין, סתם אזוי. כ'גיי אהיים. זינידע האָט דיך געבעטען גריסען, קינדעלע. זי וועט נאָך הײַנט אויך ניט זײַן.

גייט אַרויס.

קאָנסועללאָ.

וואָס פֿאַר אַ ליבע איז די זינידע, וואָס פֿאַר א וואוילע... פּאַפּאַ, פֿאַר וואָס שײַנען מיר דאָ אַלע איצטער פֿאַר אַזעלכע ליבע? מסתּמא דערפֿאַר, וואָס כ'וועל אינגיכען אַוועקגיין פֿון דאַנען. דער, דו'סט ניט געהערט, וואָס פאַר אַ מאַרש ס'וועלען שפּילען טילי און פּאָלי? (לאַכט) אַזאַ פֿריילינכען.

דער.

יאָ, געהערט. דײַן בענעפֿיס וועט זײַן מערקווירדיג.

קאָסועללאָ.

כ'מיין אַליין. פּאַפּאַ, איך וויל עסען. באַשטעל מיר אַ פּוטער-ברויט.

דער.

איך וועל צולויפֿען, פֿריינצעסין.

קאָנסועללאָ.

לויף צו, דער. (שרײַט) נאָר' מיט קעז דאַרף מען ניט!

מאַנטשיני און קאָנסועללאָ זײַנען אַלײן. זיך אָנגעלענט אין פאָטעל, קוקט מאַנטשיני קריטיש אַרום די טאָכטער.

מאַנטשיני.

אין דיר איז הײַנט דאָ עפּיס אויסערגעוויינליכעס, קינד... כ'ווייס ניט, בעסער, אָדער ערגער. דו'סט געוויינט?

קאָנסועללאָ.

יאָ, אַ ביסעל. אַך, ווי כ'וויל עסען!

מאַנטשיני.

דו'סט דאָך געפּרישטיקט...

קאָנסועללאָ.

דאָס איז דאָך די געשיכטע, וואָס ניט. דו'סט היינט ווידער פאַרגעסען לאָזען געלט, און אָן געלט...

מאַנטשיני.

אַך, דער טייוועל זאָל דאָס נעמען! אַ זכרון! (לאַכט) אָבער היינט וועלען מיר גוט אָפּעסען, ניט זעץ זיך אָן אויף פּוטער-ברויטען. ניין, דו ביסט מיר ממש געפעלען. דו דאַרפסט נאָך וויינען, קינד, דאָס וואַשט אַראָפּ פון דיר די איבריגע נאַאיוויטעט, ביסט מער פרוי.

קאָנסועללאָ.

בין איך צופנים אזוי נאַאיוו, פּאַפּאַ?

מאַנטשיני.

זייער! צו פיל! אין אַנדערע ליב איך עס, אָבער אין דיר... און דער באַראָן...

קאָנסועללאָ.

נארישקייטען. כ'בין ניט נאַאיוו. אָבער ווייסטו, בעזאַנאָ האָט מיך אזוי געזידעלט, אַז דו וואָלסט זיך אויך צעוויינט. דער טייוועל ווייס וואָס!

מאַנטשיני.

טסס! זאָלסט קיינמאָל ניט זאָגען: דער טייוועל ווייס וואָס. ס'איז ניט שיין.

קאָנסועללאָ.

איך זאָג נאָר מיט דיר.

מאַנטשיני.

מיט מיר דאַרף מען אויך ניט — כ'ווייס אזוי אויך. (לאַכט)

קלאַנגען פון אַן'אויסערגעוויינליך שטורמדיגען און שטראָמענדיגען צירקען-האַלאָפּ, הילכיגע אויסגעשרייען, דאָס קנאַקען פון בייטש.

קאָנסועללאָ.

אַך האָרך, פּאַפּאַ! דאָס איז אַלפּרעדס נײַער גימער. ער מאַכט אַזאַ שפּרונג... דזשים זאָגט, אַז ער וועט זיך אומבאַדינגט אויס־דרייען דעם קאַרק. אָרימינקער.

מאַנטשיני. (גלײַכגילטיג)

אָדער די פּיס, אָדער דעם רוקען, זיי ברעכען זיך עפּיס אַלע אויס. (לאַכט) זיך ברעכנדיגע שפּילצײַג!

קאָנסועללאָ. (האָרכנדיג די מוזיק)

מיר וועט זײַן לאַנגווײַליג אָן זיי, פּאַפּאַ, דער באַראָן האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט מאַכען פֿאַר מיך אַ רייף, אין וועלכען איך קאָן שפּרינגען, וויפֿיל איך וויל... ער לײַגט ניט?

מאַנטשיני.

אַ רייף? (לאַכט) ניין, דאָס לײַגט ער ניט! אַגב, מײַן קינד, וועגען באַראָנען דריקט מען זיך ניט אויס: ער לײַגט, נאָר ער זאָגט ניט אמת.

קאָנסועללאָ.

אַלץ איינס! ס'איז גוט צו זײַן אַ רײַכער, פּאַפּאַ, מ'קאָן אַלץ מאַכען.

מאַנטשיני, (אנטציקט)

אַלץ! אַלץ. קינד מײַנס! אַך, הײַנט באַשליסט זיך אונזער מזל, בעט דעם גנעדיגען גאָט, קאָנסועללאָ: דער באַראָן הײנגט אויף אַ פֿעדימל.

קאָנסועללאָ. (גלײַכגילטיג)

יאָ?

מאַנטשיני.

אויפֿן דינסטיגן זײַדענעם פֿעדימל. איך בין כמעט איבערצײַגט, אַז ער וועט הײַנט מאַכען דעם פֿאָרשלאַג. (לאַכט) ווינטער־רויזען און שפּינוועבס צווישען די רויזען, אַז מײַן קלײנע פֿליגעלע... ער איז אַזאַ שפּין!

קאָנסועללאָ. (גלעטנדיג)

יאָ, אַ מוראדיגער שפּין. פּאַפּאַ, און די תאַנט טאָר מען גאָך ניט לאָזען קושען?

מאַנטשיני.

ניט אויף קיין שום פּאַל. דו קענסט נאָך ניט די מענער, קינד מיינס...

קאָנסועללאָ.

אַלפרעד קושט קיינמאָל ניט.

מאַנטשיני.

אַלפרעד! דיין אַלפרעד איז אַ יינגעל און יואַגט ניט. אָבער די מענער, מיט זיי איז נויטיג די גרעסטע איינגעהאַלטענקייט, קינד מיינס. היינט וועט ער דיר אַ קוש טאָן די פינגערלאַך, מאָרגען — העכער, און איבערמאָרגען — ביסטו שוין ביי אים אויף די קני!

קאָנסועללאָ.

פּי, פּאַפּאַ, וואָס דו רעדסט! ווי שעמסטו זיך ניט!

מאַנטשיני.

אָבער איך וויים...

קאָנסועללאָ.

וואג ניט! כ'וויל ניט הערען די געמיינהייטען. כ'וועל דעם באַראָן געבען אַזאַ פּראסק, ערגער ווי דערן. זאָל ער זיך נאָר אַ ־וק טאָן.

מאַנטשיני. (פונאנדערשטרעקענדיג באַרויערענד די הענט)

אָבער אַלע מענער זיינען אַ זעלכע, קינד.

קאָנסועללאָ.

ניט אמת. אלפרעד איז ניט אַ זעלכער! אַך, נו וואָס איז מיט דערן. געזאָגט: איך לויף, און איז אַלץ ניטאָ.

מאַנטשיני.

דער בופּעט איז צו, און ער דארף קריגען. קאָנסועללאָ, כ'וויל דיר נאָך זאָגען, ווי אַ פּאָטער, מכח דערן: ניט גלויב אים. ער איז עפּיס, ווייסטו אַזוי... (דרייט מיט די פינגער נעבען קאָפּ), ער שפּילט ניט זויבער!

קאָנסועללאָ.

דו רעדסט וועגען אַלעמען אזוי. איך קען דער׳: ער איז אַזאַ ליבער און האָט מיך ליב.

מאַנטשיני.

גלויב מיר: דאָרטען איז עפּיס פאַראַן.

קאָנסועללאָ.

פּאפּאַ, סט׳דערעסען מיט דיינע עצות! אַך, דער, מערסי.

דער, אַ ביסעל פאַרשמאַיעט, דערלאַנגט פוטער־ברויטען.

דער.

עס, קאָנסועללאָ.

קאָנסועללאָ.

ער איז נאָך וואַרים, — ביסט אזוי געלאָפען, דער? כ׳בין דיר אַזוי דאנקבאַר! (עסט) דער, דו׳סט מיך האָלט?

דער.

האָלט, מלכה. כ׳בין דיין הויף־לץ.

קאָנסועללאָ. (עסט)

און אַז איך וועל אַוועק, וועסטו זיך נעמען אַן אַנדערע מלכה?

דער. (מאַכענדיג א רעווערענס)

כ׳וועל דיר נאָכגיין, אומפאַרגלייכבאַרע. כ׳וועל טראָגען דיין ווייסען שלייף און ווישען מיט אים די טרערען. (וויינט כלומרשט)

מאַנטשיני.

גולם! (לאַכט) ווי אַ שאָד איז אָבער, דער, וואָס ס׳זיינען אַוועק די פראַכטפולע צייטען, ווען אין מאַנטשיני׳ס פאלאַץ פלעגען זיך קרימען צענדליגער בונטע לצים, וועלכע זיי פלעגען געבען גאָלד און קלעפּ. איצט מוז מאַנטשיני גיין אין שמוציגען צירק צו זען אַ רעכטען לץ, און ערשט — וועמעס איז ער? מיינער? ניין, יעדערנס, ווער ס׳האָט באַצאָלט אַ פראַנק... אינגיכען וועט מען פון דער דעמאָקראַטיע ניט קאָנען אָטעמען, דער. זי דאַרף

אויף האָבען לצים. — דו באטראַכט נאָר, דער, וואָס פאַר אומ־
געהערטע חוצפה!

ד ע ר.

מיר דינען דעם, ווער ס׳צאָלט, — וואָס טוט מען, גראף!

מ אַ נ ט ש י נ י.

איז דאָס אָבער ניט טרויעריג? דו שטעל זיך נאָר פאָר: מיר זיצען אין מיין שלאָס; איך בײם קאמין זויג ווײן, און דו בײ מײנע פיס פלוידערסט נאַרישקײטען, קלינגסט מיט די גלעקלאַך און אַמוזירסט מיך. מיט עפּיס כאַפּסטו מיר אויף אַ קניפּ טאָן, דאָס פלעגט דערלאָזען די טראַדיציעס, און ס׳איז נויטיג געווע־זען צום צירקולירען פון די בלוטען. נאָכדעם ביסטו מיר דער־עסען, מיר האָט זיך פארגלוסט אנ׳אַנדערן — און כ׳גיב דיר אַ שטויס... דער, ווי דאָס וואָלט געווען הערליך!

ד ע ר.

עס וואָלט געוועזען געטליך, מאַנטשיני!

מ אַ נ ט ש י נ י.

נו, יאָ, און דו וואָלסט באַקומען געלד, צויבערנדיגע געלע שטיקלאַך. נײן, אַז איך וועל רײך ווערען, נעם איך דיך — ס׳איז באַשלאָסען.

ק אָ נ ס ו ע ל ל אָ.

נעם אים, פּאַפּאַ.

ד ע ר.

און בעת דער גראף, מיד פון מײן פלוידערײ, וועט מיר געבען אַ שטויס מיט זײן דורכלויכטיגער פוס, וועל איך זיך לײגען בײ די פיס פון מײן מלכה און וועל...

ק אָ ס ו ע ל ל אָ. (לאַכענדיג)

וואַרטען אויף דאָס זעלביגע? נו, כ׳האָב געענדיגט. גיב מיר אַ טיכעל, פּאַפּאַ, אָפּצווישען די הענט, דו האָסט אין יענער קע־שענע אַ צוהײטע. אַך, גאָט, מען דארף נאָך אַרבעטען!

מאַנטשיני.

אָבער נישט פאַרגעס, קינד!

קאָנסועללאָ.

כ'וועל היינט נישט פֿאַרגעסען. פּאַר.

מאַנטשיני. (קוקט אויפֿן זייגער)

יאָ, שוין צייט. ער האָט מיך געבעטען צו פֿאָרען צו איִם, אַז דו וועסט זיין פֿאַרטיג. איידער כ'וועל זיך אומקערען... דו דאַרפֿסט זיך נאָך איבערטאָן. (לאַכט) Signori! Mie complimenti!

שפּילענדיג מיטן שטעקען, גייט ער אַוועק. קאָנסועללאָ זעצט זיך אין ווינקעל פֿון דיוואַן, זיך איינטולענדיג אין טוך.

קאָנסועללאָ.

נו, דער, לייג זיך ביי מיינע פֿיס און דערציילֿ עפּעס פֿריילֿיכעס... ווייסט, אַז אויף דיר איז אָנגעמאָלט א געלעכטער, ביסטו שענער, אָבער אַזוי ביסטו אויך זייער, זייער מילד! נו — דער? פֿאַרוואָס לייגסטו זיך ניט?

דער.

קאָנסועללאָ! דו נעמסט דעם באַראָן?

קאָנסועללאָ. (גלייכגילטיג)

דאַכט זיך. דער באַראָן היינגט אויף אַ פעדימל. דער, דאָרטען, אין פּאַפּיר, איז געבליבען איין פּוטער-ברויטעל, עס אויף.

דער.

כ'דאַנק, קעניגין. (עסט) און מיינע נביאות... געדענקסטו?

קאָנסועללאָ.

וועלכע?.. ווי גיך דו שלינגסט — וואָס, געשמאַק געוועזען?

דער.

געשמאַק. אַז אויב דו וועסט חתונה האָבען מיטן באַראָן...

קאָנסועללאָ.

אַך, דאָס! דו האָסט דאָך אָבער דעמאָלט געלאַכט?

דער.

ווער ווייס, קעניגין. אָפּטמאָל טרעפט — אַ מענטש לאַכט, און ס'קומט ארויס אמת: די שטערען וועלען אומזיסט נישט ריידען. אַז אַפילו אַ מענטשען איז אָפט שווער עפענען ס'מויל און זאָגען אַ וואָרט, טאָ ווי איז שוין אַ שטערען — באַטראַכט נאָר!

קאָנסועללאָ. (לאַכט)

פטור — אַזאַ מויל!

דער.

ניין, מיין קליינינקע, אויף דיין אָרט וואָלט איך זיך זייער פאַר־טראַכט. פלוצלונג וועסטו שטאַרבען? ניט נעם דעם באַראָן, קאָנסועללאָ!

קאָנסועללאָ. (טראַכטענדיג)

און וואָס איז אַזוינס — דער טויט?

דער.

כ'ווייס ניט, מלכה, קיינער ווייס ניט. אַזוי ווי ליבע! דיינע הענט־לאַך אָבער וועלען קאַלט ווערען, און די אויגלאַך זיך פאַר־מאַכען. דו וועסט אוועק פון דאַנען — און די מוזיק וועט שפי־לען אָן דיר, און אָן דיר וועט שפרינגען דער משוגענער בעזאַנאַ, און אָן דיר וועלען טילי און פאָלי שפילען אויף זייערע פייפעלאַך טילי—טילי, פאָלי—פאָלי...

קאָנסועללאָ.

מ'דאַרף ניט! מיר איז אַזוי קומערדיג, דערעלע. טילי—טילי, פאָלי—פאָלי...

מ'שווייגט. דער גיט אַ קוק אויף קאָנסועללאָן.

דער.

האָסט געוויינט, קאָנסועלעלע?

קאָנסועללאָ.

יאָ, אַ ביסעל, מיך האָט אַלפרעד צוערגערט. אָבער באַטראַכט

נאָר: בין איך שולדיג, וואָס ביי מיר קומט היינט ניט אַרויס?
כ׳האָב זיך דאָך געסטאַרעט, אָבער אַז ס׳קומט ניט אַרויס!

דער.

פאַרוואָס?

קאָנסועללאָ.

אַך, כ׳ווייס ניט. דאָ איז עפּיס דאָ אַזוינס (דריקט די האַנט צום הארצען)...
כ׳ווייס ניט. כ׳בין מסתמא קראַנק, דער. וואָס איז אַזוינס קראַנ-
קייט? דאָס טוט זייער וויי?

דער.

ס׳איז ניט קיין קראַנקייט. ס׳איז דער כשוף פון די ווייטע.
שטערען, קאָנסועללאָ! ס׳איז די שטים פון דיין מזל, מיין קליינע
מלכה!

קאָנסועללאָ.

רייד ניט, איך בעט דיר, קיין נאַרישקייטען. וואָס האַרט די
שטערען פאַר מיר? איך בין אַזאַ קליינינקע. נאַרישקייטען, דער!
בעסער דערצייל מיר די אַנדערע מעשה׳לע, וואָס דו קאָנסט:
וועגען בלויען ים און וועגען יענע געטער, ווייסט? — וועלכע
זיינען אַזוי שיין. זיי זיינען שוין אלע געשטאָרבען?

ער.

זיי לעבען. נאָר זיי באַהאַלטען זיך, געטין.

קאָנסועללאָ.

אין וואלד און אויף די בערג? מ׳קאָן זיי טרעפען? אך, דער,
באַטראַכט: מיט אַמאָל וואָלט איך געטראָפען א גאָט, און ער
וואָלט אויף מיר אַ קוק געטאָן! כ׳וואָלט אנטלאָפען. (לאַכט) און
היינט פרי, אז ס׳איז ניט געוועזען קיין פרישטיק, איז מיר גע-
וואָרען אַזוי אומעטיג, אַזוי עקעלדיג, אז איך האָב אַ טראַכט
געטאָן: וואָלט כאָטש געקומען גאָט און מיר געבען עסען! און
אקאָרשט ווי כ׳האָב א טראַכט געטאָן, האָב איך מיט אַמאָל
דערהערט... עהרען וואָרט, אמת. כ׳האָב דערהערט: קאָנסועללאָ,
עמיץ רופט (מיט כעס) כ׳בעט דיר, לאַך ניט!

דער.

איך לאַך אַפּנים?

קאָנסועללאָ.

עהרען וואָרט, אַנ'אמת. אך, דער, ער איז דאָך אָבער ניט געקומען. ער האָט מער ניט אַ רוף געטאָן און אַליין זיך באַהאַלטען, זוך אים! און מיר האָט אַזוי וויי געטאָן און ס'טוט ביז איצטער וויי... צו וואָס האָסטו מיר דערמאָנט מיין קינדהייט? — כ'האָב אים גאָר פֿאַרגעסען. דאָרטען איז געוועזען דער ים... און נאָך עפּיס... אַ סך, אַ סך... (פֿאַרמאַכט די אויגען, שמייכעלט)

דער.

דערמאָן זיך, קאָנסועללאָ!

קאָנסועללאָ.

ניין. (עפֿענענדיג די אויגען) אַלץ פֿאַרגעסען! (באַנעמט מיט די אויגען דאָס צימער) דער, דו זעסט, וואָס פֿאַר אַנ'אַפּישע ס'וועט זיין אויף מיין בענעפֿיס? דער פּאַפּא האָט אַליין אויסגעטראַכט און דעם באַראָן געפֿעלט אויך, ער'ט געלאַכט.

מ'שווייגט.

דער. (שטיל)

קאָנסועללאָ, מלכּה מיינע! פֿאָר ניט היינט צום באַראָן.

קאָנסועללאָ.

פֿאַרוואָס עפּיס? (נאָכשווייגענדיג) וואָס ביסטו אָבער פֿאַר אַ חצוף, דער.

דער. (אַראָפּלאָזענדיג דעם קאָפּ, שטיל)

איך וויל ניט.

קאָנסועללאָ. (כטייט אויף)

וואָס אַזוינס? דו ווילסט ניט?

דער. (נאָך נידריגער אַראָפּלאָזענדיג דעם קאָפּ)

איך וויל ניט דו זאָלסט נעמען דעם באַראָן. (זיך בעטענדיג) איך... איך וועל ניט דערלויבען... איך... בעט זייער!

קאָנסועללאָ.

וועמען דען ווילסטו? אפשר דיך, לץ? (לאַכט בייז) ביסט צודרייט, פריינד? איך וועל ניט דערלויבען... ער! ער וועט מיר ניט דערלויבען! ניין, ס׳איז פשוט אונערטרעגליך! וואָס האַרט עס דיר פאַר מיר? (גייט אום איבערן צימער, קוקענדיג איבערן סולטער, ביז אויף דערן) א מין לץ, אַ קלאָאון, וועלכען מ׳וועט מאָרגען אַרויסיאָגען פון דאַנען! האָסט מיר דערעסען מיט דיינע שוטהשע מעשהלאַך... אָדער דו ליבהסט אזוי פעטש? אַ שוטה, וואָס האָט ניט געקאָנט אויסקלערען קיין בעסערס: פעטש!

דער. (ניט אויפהויבענדיג די אויגען)

פאַרגיב, מלכה.

קאָנסועללאָ.

איז צופרידען, וואָס מען לאַכט פון אים... אויך, אַ גאָט!.. ניין, כ׳וועל ניט פאַרגעבען. כ׳קען דיך: ביי דיר דרייט זיך עפּיס אָט דאָ! (ווייזט אויפן קאָפּ) לאַכט... אזאַ ליבער... שפילט, שפילט און דערנאָך פלוצלונג -- באַך, אַ זאָג געטאָן: האָרכט אים! האָסט זיך אָבגעבריט, פריינד, ניט געטראָפען די געהעריגע? נאַ, טראָג מיין שלייף, דאָס איז דיין עסק... לץ!

דער.

איך וועל טראָגען דיין שלייף, קעניגין. פאַרגיב מיר. קער מיר אום דעם געשטאַלט פון מיין גנעדיגער און שיינער געטין.

קאָנסועללאָ. (זיך באַרויגענדיג)

ווידער שפּילסטו?

דער.

כ׳שפיל.

קאָנסועללאָ.

זעסטו! (זעצט זיך לאַכענדיג) נאַרישער דער!

דער.

כ׳זע אלץ, קעניגין. איך זע ווי דו ביסט שיין — און זע ווי נידעריג עס שפרייט זיך אויס ביי דיינע פיסעלאַך דיין אָרימער

לך... ערגיץ=וואו אין אָבּגרונד קלינגען זיינע גלעקעלאַך די נאַ=
רישע, און ער בעט זיך אויף די קני ביי דיר: פאַרגיב און
האָב רחמנות אויף אים, געטליכע. ער איז געוועזען חוצפּהדיג
און גאוהדיג, ער האָט געשפּילט אַזוי לוסטיג, אַז ער האָט
זיך פארשפּילט — און פארלאָרען זיין פּיצעלדיגען פאַרשטאַנד, די
לעצטע רעשטלאַך פון זיין שכל — פאַרגיב!

קאָנסועללאָ.

נו, כ'פאַרגיב (לאכט) און נעמען דעם באראָן וועסטו שוין דערלוי=
בען איצט?

דער. (לאכט אויך)

און נעמען דעם באַראָן — וועל איך פונדעסטוועגען נישט דערלוי=
בען. אָבער וואָס באַדייט פאַר דער קעניגין די ערלויבעניש פון
איר פארליבטען לץ?

קאָנסועללאָ.

נו, שטיי אויף, ביסט פאַרגעבען. און ווייסט פאַרוואָס? דו מיינסט,
פאַר דיינע רייד?.. דו ביסט א געשייטע בעסטיע, דער! ניין —
פאַר די פוטער=ברויטען, אָט פאר וואָס! ביסט געוועזען אַזוי
מילד, און דו האָסט זיך פאַרשמאַיעט, אַז דו האָסט זיי געבראַכט...
אָרימער דערל. פון מאָרגען אָן קאָנסטו ווידער ליגען ביי מיינע
פיס. ווי נאָר איך וועל אַ פייף טאָן: איס!...

דער.

ליג איך זיך באַלד צו דיינע פיס, קאָנסועללאָ, ס'איז באשטימט.
אָבער היינט האָבען זיך אַלע מיינע גלעקעלאך צושאָטען און...

עס איז אריינגעקומען בעזאַנאָ, ער איז פאַרשעמט.

קאָנסועללאָ.

אַלפרעד? נאָך מיר?

בעזאַנאָ.

יאָ. וועסט נאָך ארבעטען, קאָנסועללאָ?

קאָנסועללאָ.

פֿאַרשטייט זיך אַזוי. וויפֿיל דו ווילסט! און איך האָב געמיינט, ביסט אויף מיר אין כּעס. אַלפֿרעד, כ׳וועל מער נישט געניצען.

בעזאַנאָ.

ניין, דוס׳ט ניט געגעניצט. ניט באַליידיג זיך, וואָס כ׳האָב אַזוי געשריען... באמת איך... נאַר, ווייסטו, אַז מען דאַרף לערנען און אַ מענטש...

קאָנסועללאָ.

גאָט — כ׳פֿאַרשטיי אַ פּנים ניט? דו ביסט נאָך צו גוט, ניט דערטרעגליך גוט, וואָס ביסט מסכּים צו לערנען אַזאַ מין נאַר, כ׳פֿאַרשטיי ניט אַ פּנים? לאָמיר גיין.

בעזאַנאָ.

לאָמיר גיין. מיר האָבען זיך נאָך ניט געזען. דער, גוט מאָרגען.

דער.

גוט מאָרגען, בעזאַנאָ — ניין, ניין, איין מינוט. איין מינוט בלייבט שטיין אַזוי! יאָ.

קאָנסועללאָ און בעזאַנאָ שטייען איינער נעבען צווייטען; דער זשאָקיי כ׳מורמעט זיך, קאָנסועללאָ לאַכט און ווערט רויט.

בעזאַנאָ. (אומצופֿרידען)

וואָס ווילסטו, דער?

קאָנסועללאָ. (ווערענדיג רויט)

ווי אָדם און חוה? וואָס פֿאַר אַ נאַר ביסטו. שרעקליך! (אנטלויפֿט) כ׳וועל נאַר איבערבייטען די טופֿלעס, אַלפֿרעד...

דער.

קאָנסועללאָ! און וואָס איז מיטן פּאַפּאַ און באַראָן? זיי וועלען באַלד קומען נאָך דיר.

קאָנסועללאָ.

~~נו, איז הערט.~~ קאָנען וואַרטען, ניט אַזוינע יחסנים!

אַנטלויפֿט. בעזאַנאָ גייט נישט באַשלאָסן נאָך איר.

דער.

בלײַב אויף איין מינוט, בעזאַנאָ, זיך.

בעזאַנאָ.

וואָס נאָך? כ'האָב קיין צײַט ניט פֿאַרנעמען זיך מיט נאַרישקײַטן.

דער.

אָדער שטיי — ווי דו ווילסט! בעזאַנאָ, דו ליבסט זי?

מ'שווײַגט.

בעזאַנאָ.

כ'וועל קיינעם זיך ניט לאָזן אַרײַנמישן אין מײַנע געשעפֿטן. דו ערלויבסט זיך צופֿיל, דער. איך קען דיך ניט, דו ביסט געקומען פֿון גאַס — און פֿאַר וואָס בין איך מחויב דיר צו גלויבן?

דער.

און דעם באַראָן קענסטו? הער אויס, מיר איז שווער אַרויסצורײדן די ווערטער... אָבער זי ליבט דיך. ראַטעווע זי פֿונם שפּין. אָדער דו ביסט בלינד געוואָרן און זעסט ניט די נעצן, מיט וועלכע דאָ זײַנען פֿאַרוועבט אַלע פֿינסטערע ווינקלען? רײַס זיך אַרויס פֿון דײַן פֿערכשופֿטען קרײַז, איבער וועלכן דו טראָגסט זיך, ווי אַ בלינדער, — פֿאַרשלעפּ זי, גנבע זי, טו, וואָס דו ווילסט... ענדליך דערהרגע זי און נעם זי צו אין הימעל, אָדער צום טײַוועל! נאָר ניט גיב זי אָפּ דעם מענטשן. ער איז דער שענדער פֿון ליבע. און אויב דו ביסט ניט דרײַסט, אויב דו האָסט מורא אויפֿצוהויבן די האַנט אויף איר — דערהרגע דעם באַראָן. דערהרגע!

בעזאַנאָ. (שמייכלענדיג)

און ווער וועט דערהרגענען די ווײַטערדיגע?

דער.

זי ליבט דיך!

בעזאַנאָ.

האָט זי עס אַליין געזאָגט?

דער.

וואָס פֿאַר א קליינינקע, וואָס פאַר אַ נאַרישע, וואָס פֿאַר אַ מענטשליכע גאוה! און דו ביסט דאָך אַ געטל... אַ גאָט ביסטו, בחור! פאר וואָס ווילסטו מיר ניט גלויבען? אָדער דיר שטערט די גאס, פון וועלכע כ'בין געקומען? — אָבער גיב אַליין אַ קוק, זע מיינע אויגען: לייגען דען אַזוינע? יאָ, מיין פנים איז מיאוס, איך קרים זיך, כ'מאך העויות, מיך רינגעלט געלעכטער אַרום... אָבער זעסטו ניט הינטער דעם אַ גאָט, אַזאַ ווי דו ביסט? נו, קוק דאָך, קוק אויף מיר!

בעזאַנאָ צילאַכט זיך.

דער.

וואָס איז עס... שנעק?!

בעזאַנאָ.

דו ביסט איצט... גאָר ווי דעמאָלט אויף דער אַרענע... געדענקסט? בעת דו ביסט א גרויסער מענטש, און מען האָט געשיקט נאָך דיר פֿון אַקאַדעמיע, באַץ! דער, וואָס קריגט די פעטש!

דער. (צעלאַכט זיך אויך)

יאָ, יאָ — ס'איז דאָך ענליך, בעזאַנאָ! זייער! (מיט אַ פטנליכער אַגי־טטרנגונג שפילט ער, זיך שטעלענדיג אין פאָזע) דוכט זיך, דאָס האָט מען געשיקט נאָך מיר פֿון אַקאדעמיע?

בעזאַנאָ. (במורעט זיך)

אָבער מיר געפעלט ניט די שפּיל. שטעל אונטער דיין פנים, אויב דו ווילסט, און מיר וואגסטו ניט. (גייט צום ארויסגאנג)

דער.

בעזאַנאָ!..

בעזאַנאָ. (זיך אומקערענדיג)

אוּן קײנמאָל זאָל איך ניט הערען וועגען קאָנסועללאָן און אז איך בין... אַ גאָט, ניט וואַגען! ווײסט — ס'איז עקעלהאַפּט!

נײט אַרוים, קלאַפּט זיך כּעסדיג מיטן בײטש איבער די באַטפאָרטען.

דער איז אַלײן. כּעסדיג, מיט אַ איבּנגעקרימטען פּנים מאַכט ער אַ טריט נאָכ'ן זשאָקײ, שטעלט זיך אָפּ און לאַכט טויב, פֿאַרוואַרפֿענדיג דעם קאָפּ. אַזוי געפֿינען אים מאַנטשיני און דער באַראָן.

מאַנטשיני. (לאַכענדיג)

אַ לוסטיגער יונג ביסטו, דער! לאַכסט אַפילו פֿאַר זיך.

דער צולאַכט זיך הויך.

מאַנטשיני.

הער דאָך אויף, לק! ס'האָט אים אָנגעכאַפּט.

דער. (זיך נידעריג און ברײט נײגענדיג)

מײן גרוס אײך, באַראָן. מײן טיפסטע אַכטונג, גראַף. איך בעט מיך פֿאַרגעבען, גראַף, נאָר איר האָט געטראָפען דעם קלאָאון בײ דער אַרבעט... אַזוי צו זאָגען בײ זײנע אַלטעגליכע הנאות, באַראָן.

מאַנטשיני. (אויפהויבענדיג די ברעמען)

טסס! אָבער דו ביסט — אַ קלוגער מענטש, דער. איך וועל בעטען פּאַפּאַ בריקע, מען זאָל דיר געבען אַ בענעפיס... ווילסטו, דער?

דער.

באַוויזט אַ חסד, גראַף.

מאַנטשיני.

נאָ, נאָ, ניט צופיל, זײ אײנפאַכער, דער. (לאַכט) אָבער וויפיל

ווערסטו באַקומען פּעטש אויף דײַן בענעפּיס, אויב אַפּילו אין
דער וואָכען פּויקט מען אין דיר, ווי אין א גאָנג! אַ מאָדנע
פּראָפּעסיע, ניט ריכטיג, באַראָן?

באַראָן.

זייער אַ מאָדנע. אָבער וואו איז די גרעפין?

מאַנטשיני.

יאָ, יאָ... באַלד גיי איך נאָך איר. קינד, זי איז אזוי פאַרטאָן
מיט איר בענעפּיס און אַרבעט... זיי רופען זייערע שפּרינגען אָן
אַרבעט, באַראָן!

באַראָן.

כ'קאָן אויפוואַרטען. (זעצט זיך, דער צילינדער אויפן קאָפּ)

מאַנטשיני.

ניין, צו וואָס? כ'וועל זי צו אײַלען. כ'וועל געשווינדט. און די
דער, זײַ א בעל־הבית און פאַרנעם אונזער ליבען גאַסט... איר
וועט מיט אים ניט לאַנגווײַלען, באַראָן.

גייט אַרוים. דער שפּרײַזט איבערן צימער שמײַכלענדיג און קוקענדיג אויפן
באַראָן. דער באַראָן זיצט — פונאַנדערגעשפּרייט בריים די פיס, אָנגעשפּאַרט
מיטן מאָרדע אויפן שטעקען. אויפן קאָפּ דער צילינדער. רויג.

דער.

מיט וואָס וועט איר באַפעלען צו פאַרנעמען אײַך, באַראָן?

באַראָן.

מיט גאָרניט. כ'האָב ניט ליב קיין קלאָאונען.

דער.

אַזוי ווי איך קיין באַראָנען.

ט'שווײַגט. דער טוט אָן אויפן קאָפּ דעם הוט, נעמט מיט אַ ברייטער באַ-
וועגונג אַ שטול און שטעלט מיט אַ קלאַפּ אַװעק קעגען באַראָן. זעצט זיך

רײַטענדיג, איבערחזרנדיג דעם באַראָנס פּאָזע און קוקט אים אין די אויגען.
מ׳שווײַגט.

דער.
איר קאָנט לאַנג שווײַגען?
באַראָן.
לאַנג.

ט׳שווײַגט. דער קלאַפּט מיטן פוס אין דיל.

דער.
און לאַנג קאָנט איר וואַרטען?
באַראָן.
לאַנג.
דער.
ביז וואַנען איר וועט ניט קריגען?
באַראָן.
ביז וואַנען איך וועל ניט קריגען? און איר?
דער.
איך אויך.

שווײַגענדיג, צונויפגערוקט מיט די קעפּ, קוקען זיי איינער אויפן אַנדערן.
אויף דער אַרענע די קלאַנגען פון טאַנגאָ.

פאָרהאַנג.

פירטער אַקט

קאָנבועללאָם בענעפּים.

אויף דער אַרענע מוזיק. אין צירקוס צימער איז אַ גרעסערע אונאָרדנונג ווי געוויינליך. אַ כך איז אָנגעהאַנגען און ס'וואַלגערט זיך אין די ווינקלען קליידער פון די אַרטיסטען. אויפן טיש ליגט אַ וואָרפגעטאָגענער פון האַנט, בוקעט פון פייער-רויטע רויזען.

ביי אַרקען-איינגאַנג רויבערן און פלוידערען דריי בערייטאַרס — צווייטער ריינע אַרטיסטען, וועלכע טראָגען די בערייטאר-דינסט. גלייכאַרטיגע שרינטען אויף די צוגענלעטע האָר, צוויי מיט וואָנסעלעך, דער דריטער ראַזירט, ענליך מיטן פנים אויף אַ בולדאָג.

ערשטער. (ראזירטער)

גענוג, אַנרי. צען טויזענט פראנק — דאָס איז צופיל אפילו פאַרן באַראָן אויך!

צווייטער.

און וואָס קאָסטען איצט רויזען?

ראַזירטער.

כ'ווייס ניט. ווינטער זיינען זיי, פאַרשטייט זיך טייערער, אָבער אַנרי פלוידערט נאַרישקייטען. צען טויזענט!

צווייטער.

דער באראָן האָט אייגענע אָראַנזשערייען, אים קאָסט גאָרניט.

אַנרי. (אויפקוואַרפּענדיג די סיגאַרע, וועלכע האָט אים אָפּגעברענט די שפּיץ פינגער)
ניין, דו ביסט אומדערטרעגליך, גראַב! הער אויס: ס'איז דאָך
אַ גאַנצע פּור. פון איר שמעקט פאַר אַ מייל מיט רויזען. צו
באַשיטען די גאַנצע אַרענע...

ראַזירטער.
נאָר דעם רייף!

אַנרי.
דאָס איז אַלץ איינס. צו באַשיטען דעם רייף, דאַרף מען האָבען
טויזענטער — טויזענטער רויזען און בוטאָנען! דו וועסט זען,
וואָס דאָס וועט זיין, אַז זיי וועלען זיך אַוועקלייגען ווי אַ טעפּיך...
ער האָט געהייסען ווי אַ טעפּיך, גראַב, פאַרשטייסט?

צווייטער.
אָבער וואָס פאַר אַ באַראָנישער קאַפּריז! איז אונז ניט צייט?

אַנרי.
ניין, נאָך, מיר וועלען באַווייזען. און מיר געפעלט עס: אַ פייע=
ערדיג=רויטער טאַנגאָ אויף אַ פייערדיג=רויטען טעפּיך פון ווינ=
טערדיגע רויזען!

ראַזירטער.
קאָנסועללאָ וועט שפּרינגען איבער די רויזען און בעזאַנאָ?

צווייטער.
און בעזאַנאָ איבער די נאָדלען.

ס'שמייכעלט.

ראַזירטער.
דער יינגעל האָט ניט קיין אַמביציע! איך וואָלט זיך אַנטזאָגט.

אַנרי.
אָבער ס'איז זיין דינסט, ער איז מחויב, גראַב. (לאַכט) און וועגען
אַמביציע רייד מיט אים אַליין: ער איז בייז און שטאָלץ ווי
אַ שדל.

צוויטער.

נײַן, — אַ וואונדערבארער בענעפּיס, רעדט ניט. ס'איז זױנגענעם צו־
קוקען אויף דעם המון, ער איז אַזוי אויפגערעגט...

אַנרי.

טססס!

אַלע דרײַ ווי געכאַפּטע הדר־ייגלאַך, וואַרפען אַוועק די סיגאַרען און פּאַפּי־
ראָסען און טרעטען אָפּ דעם וועג זינידען, וועלכע גײט מיט דערן.

זינידע. (סטריינג)

פאַרוואָס זײַנט איר דאָ, מײַנע הערן? אײַער אָרט איז בײַם
באַריער.

אַנרי. (שמייכלענדיג מיט אכטונג)

מיר זײַנען נאָר אויף אַ מינוט, מאדאַם זינידע, מיר גייען. וואָס
פאַר אַן אײַנגעגעבענער אָוונט, ניט אמת? — און וואָס פאַר אַ
רום פאַרן פּאַפּאַ בריקע!

זינידע.

יאָ. גייט און פאַרלאָזט ניט, איך בעט אײַך, אײַערע ערטער.

די בערײַטאָרס גייען אַוועק. זינידע עפענט דעם טיש און באַהאַלט עפּיס
פּאַפּירען. זי איז אין קאָסטיום פון דרעסירערין.

זינידע.

וואָס האָסטו געטאָן נעבען די חיות? דער. דו'סט מיך דערשראָקען.

דער.

אַזוי, הערצאָגיניע. כ'האָב געוואָלט הערען, וואָס זאָגען די חיות
וועגען בענעפּיס. זיי שפּרײַזען איבער די שטײַגען און ברומען.

זינידע.

זיי רעגט אויף די מוזיק. נאָר — דער? זעץ זיך. דער אווענט איז
אַ כאָרטעפּליכער. און איך בין זייער צופרידען, וואָס קאָנסועללאָ

גייט אַוועק פֿון אונז! דו'סט געהערט וועגן באַראָנס רויזען?

דער.

אַלע ריידען. הימענייעס רויזען!

זינידע.

אָט איז נאָך... (שטויסט אָפּ דעם בוקעט) אומעטום צעוואָרפֿען! יאָ, כ'בין צופרידען. זי איז דאָ אַנ'איבעריגע און שטערט דער אַרבעט. ס'איז אַנ'אומגליק פֿאַר דער טרופּע, אַז אין איר פֿאַלט אַריין אַזאַ מין צו שיינע און... צוטריטבאַרע מיידעל.

דער.

ס'איז דאָך אָבער א כשרער שדוך, הערצאָגיניע.

זינידע.

פֿאַר מיר איז עס אלץ איינס.

דער.

און שפּינען דאַרפען דאָך אויך האָבען די אויכבעסערונג פון זייער ראַסע! וואָס כאַר א צויבערהאַכטע שפּינעלאך עס וועלען אַרויסקומען פון דער פּאָר — שטעלט זיך פֿאָר, זינידע? מיטן פּנים פון קאָנסועללאָ=מוטער און מיטן אינגעווייט פון באַראָן=פּאָטער וועלען זיי קאָנען באַשיינען יעטווידער אַרענע.

זינידע.

ביסט היינט בייז, דער. און חשך.

דער.

איך לאַך.

זינידע.

אָבער נישט לוסטיג. פֿאַר וואָס ביסטו אָן דער מאַסקע?

דער.

איך בין אין דער דריטער אָפּטיילונג, כ'וועל נאָך באַווייזען. און ווי באַציט זיך צום אווענט בעזאַנאָ? ער איז אויך צופֿרידען?

זינידע.

כ'האָב נישט גערעדט מיט בעזאַנאָ. ווייסטו, וואָס איך טראַכט, מיין פֿריינד: דו ביסט דאָ אויך אַנ'איבעריגער!

דער.

ווי הייסטו עס פֿאַרשטיין, זינידע?

זינידע.

ווי געזאָגט. אין אמתן האָט קאָנסועללאָ זיך פאַרקויפֿט פֿאַר קלייניקייטען. וואָס איז אזוינס דער באַראָן און זייַנע אומגליק-ליכע מיליאָנען. אויף דיר זאָגט מען, אַז דו ביסט זייער קלוג, אפשר זאָגאַר צופֿיל, טאָ זאָג מיר, באַטראַכט: פאַר וויפֿיל קאָן מען קויפען מיך?

דער. (אזוי ווי זיך צושאצענדיג)

נאָר פֿאַר אַ קרוין.

זינידע.

אַ באַראָנישע?

דער.

ניין — אַ קעניגליכע.

זינידע.

יאָ, ביסט גאָר נישט קיין נאַר. און דו האָסט געטראָפען, אַז קאָנסועללאָ איז מאַנטשיניס ניט קיין לייַבליכע טאָכטער?

דער. (אנ'איבעררַאשטער)

וואָס דו רעדסט! און זי ווייס עס?

זינידע.

אַ ספֿק, און צוואָס זאָל זי וויסען? יאָ, אַ שטאַמלאָזע מיידעל פון קארסאָ, וועלכע ער האָט בעסער געפֿונען צו ברייַנגען אין פֿאַרקער, איידער... נאָר לויט געזעץ איז זי זייַן טאָכטער — גרע-פֿין ווערראַניקע מאַנטשיני.

דער.

ס'איז גוט, אַז אלץ ווערט געטאָן לויט געזעץ, ניט ריכטיג, זינידע? אָבער מערקווירדיג: זי פֿאַרמאָגט מער בלוי בלוט, ווי מאַנטשיני... מען קאָן מיינען, אַז זי האָט אים גענומען פֿון גאַס

און געמאַכט פאַר אַ פאָטער און א גראף. גראַף מאַנטשיני! (לאַכט)

ז י נ י ד ע.

יאָ, ביסט חשך. דער, כ'האָב זיך איבערגעלייגט: בלייב דאָ.

ד ע ר.

כ'וועל ניט זיין קיין איבעריגער?

ז י נ י ד ע.

אַז זי וועט אַוועקגיין, וועסטו ניט זיין קיין איבעריגער... אָ, דו ווייסט נאָך ניט, ווי מיט אונז איז גוט, ווי לייכט עס איז דער נשמה און דעם גוף. איך פאַרשטיי דיך, איך בין אויך א אַ קלוגע. אַזוי ווי דו, האָב איך געבראַכט מיט זיך פון דאָרטען די געוואוינהייט צו קייטען און א לאנגע צייט געשמידט זיך אליין...

צו וואָס ס'האָט זיך געמאַכט, נאָר זיך האַלטען.

ד ע ר.

בעזאַנאָ?

ז י נ י ד ע.

בעזאַנאָ און אנדערע, א סך זיינען זיי געווען און אַ סך וועלען זיין. מיין געלער לייב, אין וועלכען כ'בין האָפנונגסלאָז פאַרליבט, איז שרעקליכער און ווי יעטווידער בעזאנאָ... נאָר דאָס זיינען נאַרישקייטען, שלעכטע געוואוינהייטען, וועלכע ס'איז א שאָד צו פאַרטרייבען, ווי אַלטע דינער וואָס גנבנען קליינגעלט.

לאָז צורו קאָנסועללאָ, זי האָט איר וועג.

ד ע ר.

אויטאָמאָביל און בריליאַנטען?

ז י נ י ד ע.

און וואו האָסטו געזען אַ שיינהייט אין פערקעל? וועט דער ניט קויפען, איז אַ צווייטער — אַלץ וואָס שיין איז קויפען זיי דאָך. יאָ, איך ווייס: צען יאָר וועט זי זיין אַ טרויעריגע שיינהייט, אויף וועלכע ס'וועלען זיך פאַרקוקען קבצנים פון טראָטואַרען, נאָכדעם וועט זי אָנהייבען פאַרבען אונטער די אויגען און שמייכלען, נאָכדעם וועט זי נעמען...

דער.

פאַר אַ געליבטען דעם שאָפער, אָדער דעם שמייסער? ניט שלעכט טרעפסטו, זינידע!

זינידע.

אַ פּנים ניט אמת? איך וועל זיך אין דיין צוטרוי ניט איינבע־כען... אָבער הײנט באַהויער איך דיך, דער! וואָס קאָנסטו טאָן קעגען מזל? נישט באלײדיג זיך, מיין פריינד, אויף די ווערטער פון אַ פרוי: מיר געפעלסטו, אָבער דו ביסט ניט שיין, ניט יונג און ניט רייך, און דיין אָרט...

דער.

איז אויפן טראָטואַר, פון וואַנען מען קוקט אויף שיינהייטען (לאַכט). אָבער אויב איך וויל ניט?

זינידע.

וואָס איז ווערט דיין איך וויל אָדער כ׳וויל ניט! איך באַדויער דיך, צרימער פריינד, נאָר אויב דו ביסט שטאַרק און אַ מאַן... און דו שיינסט מיר פאַר אַזוינעם, האָסטו איין וועג: פאַרגעסען.

דער. (לאַכט)

דו האַלסט דאָס פאַר כח? ביסטו עס, קעניגין זינידע, וואָס וויל אפילו אין אַ לייבען־האַרץ דערוועקען ליבע? פאַר׳ איין איינציגען אויגענבליק באַטריגערישען הערשען ביסטו גרייט באַצאָלען מיטן לעבען און מיר זאָגסטו: פאַרגעסען! גיב דיין שטאַרקע האַנט, די פרעכטיגע, און גיב אַ קוק וויפיל כח איז דאָ אין מיין דרוק... און נישט באַדויער מיך!

ס׳קומען אַריין בריקע און מאַנטשיני. דער לעצטער איז טרוקען און הייבטיג, אָנגעטאָן שפּאָנעלניי, נאָר דער זעלביגער שטעקען און דער זעלביגער שטו־טער פאַטיר־געלעכטער.

זינידע. (מורמעלט)

בלייבסט?

דער,

יאָ, כ׳וועל ניט אַוועק.

מאַנטשיני.

וואָס מאַכען מיר, טײַערע? אָבער איר זײַנט גלענציג, איך שווער, איר זײַנט גלענציג! אײַער לײַב וועט זײַן אַנ׳אײַזעל, אויב ער וועט אײַך ניט א קוש טאָן די הענטעלע, ווי איך וועל זיך דערלויבען... (קושט די האַנט)

זינידע.

איך מעג אײַך גראַטולירען, גראַף?

מאַנטשיני.

יאָ. מערסי. (צו דערן) גוטען אָוונט, מײַן ליבער!

דער.

כ׳האָב דעם כבוד אײַך צו באַגריסען, גראַף.

בריקע.

זינידע, דער גראַף וויל באַלד באַצאָלען שטראָפגעלט פאַר קאָנסועללאָן... פאַר דער גרעפין. געדענקסט ניט, מוטער, לויטן קאָנטראַקט, וויפיל איז דאָרטען?

זינידע.

כ׳וועל באַלד אַ קוק טאָן, פאָטער.

מאַנטשיני.

יאָ, איך בעט אײַך. קאָנסועללאָ וועט זיך מער ניט אומקערען אַהער, מאָרגען פאָרען מיר אַוועק.

זינידע און בריקע קוקען די פאַפירען. דער נעמט מאַנטשינין נאָנט געמײַן אונטערן אָרים און פירט אים אָפּ אָן אַ זײַט.

דער. (שטיל)

און וואָס מאַכען דײַנע מײדעלאך, מאַנטשיני?

מאַנטשיני.

וועלכע מײדעלאַך? וואָס איז דאָס? נאַרישקײַטען אָדער שאַנ־

טאַטש? זע, מײַן ליבער, זײַ פֿאָרזיכטיגער: דער קאָמיסאַר איז
דאָ ניט װײַט.

דער.

די ביסט צו שטרײַנג, מאַנטשיני! כ׳האָב געמײנט, אַז אויג אויף
אויג...

מאַנטשיני.

אָבער הער אויס: װאָס קאָן זײַן פֿאַר אַן אויג אויף אויג
צװישען מיר מיט אַ קלאָאון? (לאַכט) ביסט אַ נאַר, דער: דו
האָסט נעדאַרפֿט פֿאַרלײַגען, אָבער ניט פֿרעגען.

בריקע.

דרײַ טויזענט פֿראַנק, גראַף.

מאַנטשיני.

אַזױ װינציג? פֿאַר קאָנסועללאָן? גוט כ׳װעל זאָגען דעם באַראָן.

זינידע.

איר האָט נאָך גענומען...

בריקע.

מ׳דאַרף ניט, מוטער, לאָז עס!

זינידע.

איר האָט נאָך פֿאָרויס גענומען, גראַף, בײַ מיר איז פֿאַרשרי-
בען: אַכציג פֿראַנק און צװאַנציג סאַנטים. דאָס געלט װעט איר
אויך דערלויבען?..

מאַנטשיני.

פֿאַרשטײט זיך, פֿאַרשטײט זיך, װאָס פֿאַר אַ פֿראַגע! איר װעט
באַקומען דרײַ טויזענט מיט... הונדערט. (לאַכט) צװאַנציג סאַנטים!
איך האָב קײנמאָל ניט געמײנט, אַז איך קאָן זײַן אַזױ פּינקט-
ליך. צװאַנציג סאַנטים (ערנסט) אַך, נאָך װאָס, פֿרײַנד מײַנע. קאָנ-
סועללאָ, די גרעפֿין, מײַן טאָכטער, און דער באַראָן האָבען אויס-
געדריקט דעם פֿאַרלאַנג זיך צו זעגענען מיט דער טרופּע...

דער.

דער באַראָן אויך?

מאַנטשינ?.

יאָ, אָגיוסט אויך. זיי ווילען עס מאַכען אין אַנטראַקט. בעט איך אייך אויפקלייבען אַהער די... אנשטענדיגערע — אָבער אָן שטויסעריי, אָן שטויסעריי! דער, ליבסטער, זיי אזוי גוט, לויף אונטער אין בופעט און זאָג מען זאָל אַהער שוין דערלאַנגען אַ קאָרב שאַמפּאַניער און באָקאַלען... פאַרשטייסט?

דער.

איך האָרך, גראַף.

מאַנטשינ?.

וואַרט אויף... ניט אַזוי איילינג. וואָס איז עס, אַ נייער קאָסטיום? דו ברענסט ווי אַ שד אין גיהנם!

דער.

צופיל כבוד, גראַף: וואָס בין איך פאַר אַ שד? איך בין אַנ'אָרי= מער בעל=הטאל, וועלכען עס בראָטען צו שדים.

גייט אַוועק זיך לצניש נתגענדיג.

מאַנטשינ?.

אַ טאַלאַנטפולער שייגעץ, אָבער אַ באָד-יונג, יאָ!

בריקע.

ס'זיינען די פאַרבען פון טאַנגאָ, לכבוד אייער טאָכטער, גראַף. ער דאַרף עס צו אַ נייעם וויץ, וועלכען ער וויל ניט אויסזאָ= גען. וועט איר זיך ניט זעצען, גראַף?

מאַנטשינ?.

עס וואַרט אויף מיר אָגיוסט, נאָר מילא... (זעצט זיך) און פונ= דעסטוועגען איז מיר אַ שאָד צו שיידען זיך מיט אייך, פריינד! יאָ, די גרויס=וועלט, נאַטירליך די פרעראַגאַטיווען פון טאַנג, די פאַלאַצען פון וועלמאָזשען — אָבער וואו וועל איך געפינען אַזאַ פרייהייט און... איינפאַכקייט? ענדליך, די אפישען. ברע= נענדיגע פלאקאַטען, פון וועלכע אינדערפרי פלעגט פאַרכאַפּען

דער אָטעם—אין זיי איז געווען עפּיס רופענדיגעס, וועקענדי=
געס... דאָרטען וועל איך פאַרעלטערט ווערען, פריינד!

בריקע.

אָבער די העכערע פאַרגעניגענס, גראַף... וואָס שוויגסטו, זינידע?

זינידע.

כ׳האָרך.

מאַנטשיני.

אגב, מיין טייערע: ווי געפעלט איך מיין אַנצוג? איר האָט
אַ פּראַכטפולען געשמאַק.

גלעט פוּנאַנדער דעם שפּיצענעם שניפּס און שפּירענע מאַנקעטען.

זינידע!

ס׳געפעלט מיר. איר זייט ענליך אויף אַנ׳עדעלמאַן פון אַמאָליגע
צייטען, גראַף.

מאַנטשיני.

יאָ—איז עס אָבער ניט צו פריי? ווער טראָגט אַצינד שפּיצען
און סאַמעט? די שמוציגע דעמאָקראַטיע וועט אונז איינגיכען
אַלעמען אויספּוצען אין אַ ראָגאָזשע... און ווי איז עס דאָרטען?
(מיט א זיפץ) אָגיוסט, אז דער זשאַבאַ איז ניט גאָר פּאַסענד.

זינידע.

דער באַראָן איז צו שטרייננג.

מאַנטשיני.

נו, יאָ! מיר דאַכט אָבער, ער איז פאָרט גערעכט: כ׳האָב זיך
דאָ אַביסעל אָנגעשטעקט מיט איינער פאַנטאַסטיק.

ס׳קומט אַריין דער. נאָך אים שלעפּען צוויי לאַקייען אַ קאָרב מיט שאַמפּאַ-
ניער, באָקאַלען. מען גרייט צו אויפן טיש.

מאַנטשיני.

אַהא, מערסי, דער. אָבער כ׳בעט איך אָן דעם בעל=הבתישע

קנאקען מיט די שטאָפּקעס, שטילער און באַשיידענער. די רעכענונג — דעם באַראָן רעניאַר. וועלען מיר קומען אַהער, בריקע, איך גיי.

זינידע. (קוקענדיג אויף א זייגערל)

יאָ. באַלד ענדיגט זיך די אָפּטיילונג.

מאַנטשיני.

גאָט מיינער! (גייט אײַליג אוועק).

בריקע.

דער טײַוועל זאָל אים צונעמען גאָר אינגאַנצען!

זינידע. (ווײַזענדיג אויף די לאָקײַען)

שטילער, לואי.

בריקע.

ניין, זאָל אים דער טײַוועל צונעמען גאָר אינגאַנצען! און דו'סט מיך ניט געקאָנט אונטערהאַלטען, מוטער, געלאָזען מיט אים ריידען... גרויסוועלט! הויכע פּאַרגעניגענס... אָשוסט!

דער און זינידע לאַכען, ס'שמייכלען די לאָקײַען.

בריקע. (צו די לאָקײַען)

ניטאָ וואָס צו לאַכען, גייט, מיר וועלען דאָ אַליין צורעכטקומען... סאָדאַ=וויסקי, זשאַן! (מורמעלט) שאַמפּאַניער.

ס'קומט אַרײַן דזשעקסאָן אין קאָסטיום.

דזשעקסאָן.

מיר אויך סאָדאַ=וויסקי. דאָ לאַטש הער איך אַ געלעכטער — די אידיאָטען האָבען ממש פּאַרגעסען לאַכען. מיין זון איז הײַנט אויפגעגאַנגען און אונטערגעגאַנגען, געקראָכען איבער דער גאַנצער אַרענע, — כאַטש אַ שמייכעל! קוקען אויף מײַן הינטען ווי אין אַ שפּיגעל אַרײַן... אַנטשולדיג, זינידע! און דו ביסט ניט מיאוס,

דער, — נאָר היט די באַקען — כ'האָב ניט האָלט קײן פאַרשװינען.

בריקע.

אַ בענעפיסען עולם!

דזשעקסאָן. (באַקוקענדיג דעם פנים אין אַ קלײנעם שפּיגעל)

אין פאַרטער זײַנען אַלץ עפּיס אַזױנע מיני באַראָנען און מום=יעס פון מצרים. מיר האָט אָנגעהױבען דער בױך װײ טאָן פון אימה. כ'בין אַנ'ערליכער קלאָאון, כ'קאָן ניט, אַז מען קוקט אויף מיר אַזױ. װי כ'װאָלט געגנבעט אַ נאָז=טיכעל. דערלאַנג זײ אָן פּעטש, דער.

דער.

זײַ רויג, דזשים. כ'װעל זיך נוקם זײַן.

נױט פּרױם.

זינידע.

און בעזאַנאָ?

דזשעקסאָן. (מורמעלט)

בעזאַנאָ! אַ משוגענער בײַפאַל, פאַרשטײט זיך. ער איז אָבער אַלײן פון זינען אַראָפּ. ער װעט מאָרגען שױן ברעכען דעם קאָפּ. צו װאָס ריזיקירט ער אַזױ? אָדער ער האָט פליגלען, װי אַ גאָט?.. פּרעס אים דער טײַװעל, אױף אים איז אַנ'עקעל צוקוקען, דאָס איז שױן ניט קײן מלאכה.

בריקע.

ביסט גערעכט, דזשים. דאָס איז שױן ניט קײן מלאכה! דײַן געזונט, אַלטער חבר!

דזשעקסאָן.

דײַן געזונט, לואי!

בריקע.

ס'איז שױן ניט קײן מלאכה, אַז אַהער קומען פאַרשידענע באַראָנען! אָט לאַכען זײ און איך בין מלא=רציחה, איך בין

מלא=רציחה, דזשים. וואָס דאַרפען זיי דאָ, די באַראָנען? זאָלען זיי גנבענען הינער אין אַנ׳אַנדער שטייג און אונז לאָזען צורו. אַך, ווען איך זאָל זיין אַ מיניסטער, מאַך איך אַנ׳אייזערנע גראַ=
טע צווישען אונז און אָט די הערען.

דזשעקסאָן.
איך באַדויער אויך זייער קאָנכועללאַן... און ס׳איז עקעלהאַפט. און עפּיס דוכט זיך מיר, אַז אַלע זיינען מיר היינט ענליך מער אייף אָשוסטען, איידער אויף ערליכע אַרטיסטען... דיר דאכט זיך ניט, זינידע?

זינידע.
יעדער טוט וואָס ער וויל. דאָס איז קאָנסועללאָס זאַך און איר פּאָטערס.

בריקע.
לאָז צורו, מוטער, ס׳איז ניט אמת! קיינער טוט גאָרניט וואָס ער וויל, נאָר עס קומט אַזוי אויס... דער שווארץ-יאָר ווייסט פאַרוואָס!

ס׳קומען אַריין אַנזשעליקאַ און טאָמאַס, דער גימנאַסט, ביידע אין קאָסטיומען.

אַנזשעליקא.
דאָ וועט זיין שאַמפּאַניער?

בריקע.
און דו האָסט זיך שוין דערפרייט?

טאָמאַס.
אָן איז עס. אַהאַ, ס׳אַראַ סך!

אַנזשעליקאַ.
מיר האָט דער גראַף געזאָגט, אַז איך זאָל גיין, כ׳האָב אים געטראָפען...

בריקע. (מיט כעס)
געזאָגט, טאָ גיי, און פרייען זיך איז ניטאָ וואָס! זע, אנזשעליקאַ

אַ שלעכטען סוף וועסטו האָבען. איך זע דיך דורך און דורך...
װי אַרבעט זי, טאָמאַס?

טאָמאַס.
גוט.

אַנזשעליקאַ. (שטיל)
אוי, ווי בייז ער איז היינט, פּאַפּאַ בריקע!

ס'קומען אַריין דער, טילי און פּאָלי, נאָך ניי עפּים נאָך אַנ'אַרטיכט. אַלע אין קאָסטיומען.

טילי.
פּאָלי, דו ווילסט זייער שאַמפּאַניער?

פּאָלי.
ניין, כ'הויב ניט אָן צו וועלען. און דו, טילי?

טילי.
איך וויל אויך זייער ניט. דער, האָסט געזען, ווי ס'גייט דער גראַף?

מיט נאָכמאַכענדיג מאַנטשיני. אַ געלעכטער.

פּאָלי.
און איך וועל זיין דער באַראָן, נעם מיך אונטערן האַנט. שטילער, אייזעל, ביסט מיר אָנגעטראָטען אויפן געליבטען שטאָם-בוים.

אַנזשעליקאַ.
באַלד וועט זיך ענדיגען. איצטער שפּרינגט קאָנסועללאָ, דאָס איז איר האַלץ. וואָס פאַר אַנ'ערפאָלג זי האָט!

אַלע האָרבען דעם וואַלץ אויף דער אַרענע, טילי און פּאָלי זינגען - צו.

אַנזשעליקאַ.

זי איז אָבער אַזוי שיין! דאָס זיינען אירע בלומען?

מען הערכט. פלוצלונג איז ווידער ווי אַ וואַנט איינגעפאַלען: אַ דונער פון אַפּלאָדיסמענטען, קולות, אַ רעש. דאָ איז אַ באַוועגונג. די אַרטיסטין גיסען אָן שאַמפּאַניער. ס'קומען אַריין נייע, לאַכענדיג און פלוידערנדיג. זיי ווערען באַשיידען, דערזעענדיג דעם דירעקטאָר און דעם שאַמפּאַניער.

שטימען.

באַלד גייען זיי! וואָס פאַר אַנ'ערפאָלג! פּטור, אַז דער גאַנצער פּאַרטער... און וואָס וועט זיין מיטן טאַנגאָ? ניט זיי מקנא, אַלפאָנסעלען!

בריקע.

שטילער, אָן שטויסעניש. זינידע, דו שווייג דאָך ניט... גרויס=וועלט!

ס'קומט אַריין נעאָרמט מיטן פּעכט שפּרייזענדן באַראָן קאָנסועללאָ. זי שיינט. מאַנטשיני איז ווילדיג און גליקליך. הינטער זיי זיינען די בערייטאָר, אַרטיסטען און צַרטיכטינס. ביים באַראָן אין קלאַפּע שטעקט אַ פּערדינג-רויטע רויז. אַלע אַפּלאָדירען: בראַוואָ, בראַוואָ!

קאָנסועללאָ.

מיינע הערען... ליבע מיינע... פּאַפּאַ, איך קאָן ניט! (גיס זיך אַ וואָרף צו מאַנטשיני און באַהאלט דעם פּנים ביי אים אויפן שולטער).

מאַנטשיני קוקט מיט אַ שמייכעל איבער איר קאָפּ אויפן באַראָן. — דער באַראָן שמייכעלט אויך לייכט. אָבער אין אַלגעמיין איז ער בייז און אומבאַוועגליך. אַ נייער אויסברוך פון אַפּלאָדיסמענטען.

בריקע.

גענוג, גענוג, קינדער!

מאַנטשיני.

נו, באַרויִג זיך, באַרויִג זיך, קינד מײַנס... ווי אַלע ליבען דיך. (א ביסעל צרויסטרעטענדיִג) מײַנע הערען! דער באַראָן רעניאַר האָט מיר פאַרשאַפט דעם כבוד און נעכטען געבעטען די האנט פון מײַן טאָכטער, דער גרעפין ווערוניקע, וועלכע איר האָט געקענט אונטערן נאָמען קאָנסועללאָ. כ׳בעט אײַך נעמען די באָקאלען...

קאָנסועללאָ.

ניין, כ׳בין אויך הײַנט קאָנסועללאָ און אַלע מאָל וועל איך זײַן קאָנסועללאָ. זינידע, ליבע!

וואַרפט זיך אויפן האַלז צו זינידען. נײַע אַבלאָדיסמענטען.

בריקע.

הער דאָך אויף. שטילער! נעמט די באָקאַלען און... נעמט-זשע דאָך. געקומען, טאָ נעמט!

טילי. (ציטערנדיִג)

זיי האָבען זיך זייער דערשראָקען. נעם פריער אליין, פאפאַ, און מיר נאָך דיר.

ס׳נעמט די באָקאַלען, קאָנסועללאָ איז נעבען דעם באַראָן, מיט דער לינקער האַנט האַלט זי זיך פאַרן אַרבעל פון זײַן פראַק, אין דער רעכטער דעם באָקאַל, פון וועלכען ס׳גיסט זיך ווײַן.

באַראָן.

בײַ אײַך גיסט זיך אויס דער ווײַן, קאָנסועללאָ.

קאָנסועללאָ.

אַך! — נו, נישט קשה. כ׳האָב אויך מורא. דו׳סט מורא, פאַפאַ?

מאַנטשיני.

נאַרעלע...

אַנ'אונהיימליך שטילשווייגען.

ב ר י ק ע. (ארויסטרעטענדיג)

גרעפין! ווי דער דירעקטאָר פון צירק... וועלכער האָט געהאַט דאָס גליק ניט איינמאָל... צו בייוואוינען... איירע ערפאָלגען...

ק אָ נ ס ו ע ל ל אָ.

כ'וויל ניט אַזוי, פּאַפּאַ בריקע. איך בין קאָנסועללאָ. וואָס טוט איר מיט מיר? — כ'וועל וויינען. כ'וויל ניט גרעפין, גיב מיר אַ קוש, בריקע!

ב ר י ק ע.

אַך, דיך האָבען די בילער אומגעבראַכט, קאָנסועללאָ! (מיט טרערען קושט ער קאָנסועללאָן).

אַ געלעכטער, אַפּלאָדיסמענטען, די קלאָאונען קרייען, בילען און דריקען אויף אַלע אַנדערע אופנים אויס זייער איבערראַשונג און אַנטציקונג. דער בונטער המון פון קלאָאונען, פון קאָסטיומירטע צו דער פּאַנטאָמימע אַרטיסטין הויבט אָן אויפלעבען, דער באַראָן איז אומבאַוועגליך. אַרום אים איז אַ שטרעקע, מען קלאַפּט מיט אים די באָקאַלען ניך און מיט אַכטונג און מען טרעט באַלד אָפּ. מיט קאָנסועללאָן קלאַפּט מען די באָקאַלען לוסטיג און גערען; מיט די פרויען קושט זי זיך.

ד ז ש ע ק ס אָ ן.

שטילער!.. קאָנסועללאָ! פון היינט אָן פאַרלעש איך מיין זון: זאָל די פינצטערע נאַכט אָנקומען מיט דיין אוועקגיין. דו ביסט געווען אַ וואוילער חבר און אַנ'אַרבעטער, מיר פלעגען דיך אַלע ליבען און וועלען ליבען די שפורען פון דיינע פיסלאַך אויפן זאמד. מער איז אינז גאָרניט געבליבען!

ק אָ נ ס ו ע ל ל אָ.

ביסט אַזאַ גיטער — אַזאַ גוטער, דזשים, אַז בעסער פון דיר איז ניטאָ! און דיין זון איז די בעסטע פון אַלע זונען, כ'האָב

אַזוי פיל פון איר געלאַכט! אַלפרעד, מײַן ליבער — וואָס ביסטו
ניט צוגעגאַנגען, כ'האָב דיך געזוכט?

בעזאַנאָ.

איך גראַטוליר אײַך, גרעפין.

קאָנסועללאָ.

אַלפרעד! כ'בין קאָנסועללאָ!

בעזאַנאָ.

ווען איר זײַנט אויפן פערד, אָבער דאָ... איך גראַטוליר אײַך, גרעפין.

גייט אָפּ, קוים אָנגערירט דעם באָקאַל. קאָנסועללאָ האַלט נאָך אירען. טאַנ-
טיטיני גיט מיט אַ שמייכעל אַ קוק אויפן באַראָן — יענער איז אומבאַוועגליך.

בריקע.

נאַרישקייטען, בעזאַנאָ! דו ערגערסט קאָנסועללאָן. זי איז אַ
וואוילער חבר.

קאָנסועללאָ.

ניין, כ'בין נישט קשה.

אַנזשעליקע.

דו וועסט נאָך טאַנצען מיט איר טאַנגאָ, וואָס דשע איז זי
פאר אַ גרעפין?

טילי.

און איך מעג מיט דיר מײַן באָקאַל קלאַפּען, קאָנסועללאָ? ווייס-
טו, פּאָלי איז שוין געפגרט פון קומער און איינגיכען וועל איך
אויך פגרן. כ'האָב אַזאַ שלאַפען מאָגען!

אַ געלעכטער. דער באַראָן קנייטשט אומבאַוועגליך דעם פּנים. אַ באַוועגונג.

מאַנטשיני.

גענוג, גענוג, פרײַנד! ס'וועט זיך באַלד ענדיגען דער אַנטראַקט

קאָנסועללאָ.

שוין! מיר איז אַזוי דאָ גוט.

בריקע.

כ'וועל הייסען אים פארליינגערען, זיי קאָנען צוזוי זיך זיצען אַ ביסעל... זאָג, טאַמאַס!

מאַנטשיני.

אָגיוסט, דאָרטען בעטען נאָך די מוזיקאַנטען ערלויבעניש צו גראַטולירען דיך און קאָנסועלאָן... ווי מיינסטו?

באַראָן.

כ'פארשטייט זיך, ס'פֿאַרשטייט זיך.

אַ המון נייען אַריין — מוזיקאַנטען. דער דיריגענט, אַן אַלטער איטאַליענער, הויבט פייערליך אויף דעם בעקאַל, — נישט קוקענדיג אויפן באַראָן.

דער דיריגענט.

קאָנסועללאָ! דאָ רופען דיר אַלע גרעפין, פאַר מיר אָבער ביסטו געווען און געבליבען קאָנסועללאָ...

קאָנסועללאָ.

נו, ס'פֿאַרשטייט זיך!

דער דיריגענט.

קאָנסועללאָ! מיינע פידלען און באַגאַטען, מיינע טרומפייטען און ליטאַוורען טרינקען פאַר דיין געזונט. זיי גליקליך, קינד, ווי די ביסט גליקליך געוועזען דאָ. און מיר וועלען אויף אַלע מאָל איינהאַלטען אין אונזערע הערצער דעם ליכטיגען אָנדענק וועגען די לייכט-פֿליגעלדיגע פֿעע, וועלכע האָט אזוי לאַנג אָנגעפירט מיט אונזער פידעל-בויגען. כ'האָב געענדיגט! גריס פון מיינטוועגען אונזער שיינע איטאַליע, קאָנסועללאָ.

אַפּלאָדיסמענטען, באַגריסונגען, די מוזיקאַנטען נייען, אָנקלאַפּענדיג די באָקאַלען איינער נאָכן אַנדערן, אַרויס אין קאָרידאָר. קאָנסועללאָ האַלט בטעט ביי ווינען.

מאַנטשיני.

אָבער ערגער זיך דאָך ניט אַזוי, קינד מיינס. ס'פאַסט ניט. אַזוי איך וואָלט געוואוסט, אַז דו וועסט זיך אַזוי באַציען צו דער-

קאָמעדיע — אָגיוסט, גיב אַ קוק, ווי ס'האָט זיך אויפגערעגט דאָס קליין הערצל!

באראָן.

בארויגט זיך, קאָנסועללאָ.

קאָנסועללאָ.

ס'איז גאָרניט. אַך, פאַפאַ, הער!

אין קאָרידאָר די קלאַנגען פון טאַנגאָ. איבערופען.

מאַנטשיני.

זעסטו: דאָס מאַכען זיי פאַר דיך.

קאָנסועללאָ.

ווי ליב זיי זיינען. מיין טאַנגאָ! איך וויל טאַנצען — נו, ווער גייט מיט מיר?

זיכט מיט די אויגען בעזאַנאַ. בעזאַנאַ האָט זיך אָפגעקערט.

קאָנסועללאָ. (מיט קימער)

נו, ווער זשע?

שטימען.

דער באַראָן! זאָל דער באַראָן, באַראָן!

באַראָן.

גוט.

נעמט פאַר דער האַנט קאָנסועללאָן און שטעלט זיך אַוועק אין צענטער פון פריינטשאַפטלעכס קרייז.

באַראָן.

כ'קאָן ניט טאַנצען טאַנגאָ, כ'וועל אייך האַלטען פעסט. טאַנצט, קאָנסועללאָ!

שטייט, פונאַנדערגערוקט די פיס, שווער ווי אַ משא פון קופּער. ער איז ערנסט און האַלט פעסט קאָנסועלאָס האַנט.

מ אַ נ ט ש י נ י. (אַפּלאָדירט)

בראַוואָ! בראַוואָ!

קאָנסועלאָ מאַכט עטליכע באַוועגונגען און רײַסט אַרויס די האַנט.

ק אָ נ ס ו ע ל אָ.

ניין, אַזוי קאָן איך ניט, וואָס פאַר אַ גאַרישקייטען! לאָזט!

זי גייט אָפּ צו זײַדען און נעמט זי אַרום, אַזוי ווי זי באַהאַלט זיך בײַ איר, די מוזיק דויערט נאָך. דער באַראָן גייט רויִג אָפּ אָן אַ זײַט; צווישען די אַרטיסטען איז אַנ׳אומפרײַנדליך שווײַגען. מען קוועטשט מיט די פּלײַצעס.

מ אַ נ ט ש י נ י. (אײַנזאַם)

בראַוואָ, בראַוואָ! דאָס איז צויבערהאַפט, פאָרטרעפליך!

ד ז ש ע ק ס אָ ן.

נו — ניט איבעריג, גראַף.

טילי און פּאָלי, קאָפּירענדיג דעם באַראָן און קאָנסועלאָן, טאַנצען, ניט אָפּ־גייענדיג פון אָרט.

ט י ל י. (קוויטשעט)

לאָז!

פ אָ ל י.

ניין, דו וועסט בײַ מיר ניט אַוועקגיין! טאַנץ!

די מוזיק רײַסט זיך אָפּ. אַנ׳אַלגעמיינער, צו הויכער געלעכטער, די קלאָאונען ברומען און בילען, פּאַפּאַ בריקע סטאַרעט זיך מיט באַוועגונגען מאַכען אַני־אָרדנונג, דער באַראָן איז לויט אויסזען אַלץ נאָך אַזוי גלײַכגילטיג.

מאַנטשיני.

כוּף כל סוֹף זײַנען הירדאָװיגע ערליכע בעטלער צוּ פרײַ בײַ זיך... (קוועטשט מיט די פּלײצעס) דער ריח פון שטאַל, ניטאָ װאָס צוּ מאַכען, אָגיוּסט!

באַראָן.

ניט ערגערט זיך, גראַף.

דער גיט מיט א באָקאַל צוּ צום באַראָן.

דער.

באַראָן! װעט איר ניט דערלויבען איך פאָרלײגען א טאָסט?

באַראָן.

לײגט פאָר.

דער.

פאַר אײער טאַנק?

און המין איז א ליכטיקער געלעכטער.

באַראָן.

איך טאַנק ניט.

דער.

איז אַנ׳אַנדערן. באַראָן! לאָמיר טרינקען פאַר די, װאָס ס׳קאָן לענגער װאַרטען און באקומט!

באַראָן.

איך נעם ניט אָן קײן טאָסטען, פון װעלכע די באַדײַטונג איז מיר ניט קלאָר. רעדט... פשוטער.

קלינגט א פּליעסקעניש; „בראַװאָ, דאָקטער!" א ליכטיקער געלעכטער. מאַנטשיני זאָגט עפּעס פאַרשטאַרקט דעם פּאַפּאַ בריקע, יענער פירט פאַנאַנדער די הענט, דערשראָקן נעמט דאָן פאַר דער האַנט.

דזשעקסאָן.

לאָז צורו, דער. דער באַראָן האָט ניט ליב קיין היצען.

דער.

אָבער איך וויל טרינקען מיטן באַראָן! וואָס זשע פּשוטער?..
פּשוטער?.. באַראָן! — לאָמיר טרינקען פאַר די קליינע שטרעקע,
וועלכע בלייבט שטענדיג צווישען... כּוס און די ליפּען! (שפּריצט
אויף דעם ווײַן און לאַכט)

דער באַראָן קערט גלייכגילטיג אום דעם רוקען. אויף דער אַרענע מוזיק און
אַ קלונג, וועלכער רופט צום אָנהויב.

בריקע. (מיט אַ פאַרלײַכטערונג)

נו, אָט! אויף דער אַרענע, מײַנע הערען, אויף דער אַרענע!
אויף דער אַרענע!

די אַרטיסטינס לויפען אַוועק. דער המון ווערט שיטער. גלעכטער און שטי-
מען. מאַנטשיני מורמעלט עפּיס אויפגערעגט צום באַראָן: „אַגיוסט, אַגיוסט!"

בריקע. (צו זינידען)

געלויבט איז גאָט, דער אָנהויב! אַך, מוטער, איך האָב דאָך דיר
געבעטען. דיר ווילט זיך למען השם אַ סקאַנדאַל, אַלע מאָל ביסטו..

זינידע.

לאָז צורו, לואי.

דער גייט-צו צו קאָנסועללאָ, וועלכע שטייט איינע אַליין.

קאָנסועללאָ.

דערעלע, ליבער, וואָס זשע איז מיט דיר? כ'האָב געמיינט דו
וועסט צו מיר ניט וועלען אפילו צו גיין... (שטיל) דו האָסט
געזען, ווי בעזאַנאָ זעט אויס?

דער.

איך האָב געוואָרט מײַן צײַט, קעניגין. צו דיר איז אַזוי שווער צוצוקומען.

קאָנסועללאָ.

צו מיר? (שמײכלענדיג מיט קומער) איך שטײ אײנע אַלײן... נו, וואָס ווילסטו, פּאַפּאַ?

מאַנטשיני.

קינד מײַנס, אָגיוסט...

קאָנסועללאָ. (צרויסרײַסענדיג די האַנט)

לאָז מיך צורו! באַלד. קום אַהער, דער. — וואָס'טו אים געזאָגט? זײ האָבען אַלע געלאַכט. איך האָב ניט פאַרשטאַנען. וואָס?

דער.

כ'האָב זיך געווײַצעלט, קאָנסועללאָ.

קאָנסועללאָ.

מען דאַרף ניט, כ'בעט דיך, דער, מען דאַרף ניט! מאַך אים ניט בײז, ער איז אַזא מיראַדיגער. האָסטו געזען, ווי ער האָט צונויפגעדריקט מײַן האַנט! כ'האָב געוואָלט שרײַען (מיט טרערען אין די אויגען) עס האָט מיר ווײ געטאָן!

דער.

זאָג זיך אָפּ — ס'איז נאָך ניט שפּעט.

קאָנסועללאָ.

שפּעט, דער. שווײַג!

דער.

ווילסט — כ'וועל דיך אַוועקפירען.

קאָנסועללאָ.

וואוהין? (לאַכט) אַך, נאַרישער יונגעלע מײַנער, וואוהין קאָנסטו מיך אַוועקפירען? נו, שווײַג, שווײַג. ווי בלאַס דו ביסט, דו ליבסט מיך אויך? — מען דאַרף ניט, דער, איך בעט דיך, מען דאַרף ניט. פאַרוואָס ליבען זײ מיך?

דער.

ביסט אַזוי שײן!

קאָנסועללאָ.

נײן, נײן, עס איז ניט אמת. מיך דאַרף מען ניט ליבען. מיר איז נאָך געװעזען א ביסעל פֿרײלאַך, און אז זײ האָבען אָנגעהױ- בען רײדען... אַזױ צערטליך... און װעגען איטאַליען... זיך זעגע- נען מיט מיר, אַזױ װי איך װאָלט שטאַרבען... כ'האָב געמײנט, כ'װעל זיך פֿונאַנדערװײנען! שװײג, שװײג. בעסער טרינק פֿאַר... מײן גליק... (שמײכעלט מיט קומער) פֿאַר מײן גליק, דער. װאָס טוסטו?

דער.

איך װאַרף אַװעק דײן בעכער, פֿון װעלכען דו'סט מיט אַלעמען געטרונקען. איך װעל דיר געבען אַנ'אַנדערען. װאַרט אויף מיר.

גײט אַװעק אָנצוניםען שאַמפּאַניער. קאָנסועללאָ גײט פֿאַרטראַכטערהײט. כמעט אַלע זײנען זיך צונאַנגען, דאָ זײנען נאָר די הױפּטען.

מאַנטשיני. (צוגײענדיג)

ס'איז פּשוט ניט אָנשטענדיג, װעראָניקע! אָגיוסט איז אַזוי ליב און װאַרט אויף דיר, און דו ביסט מיט דעם קלאָאון... נאַרישע סודות עפּיס. מ'קוקט אויף דיך, עס װערט קאָמיש! דיר איז צײט זיך אָפּגעװאוינען, װעראָניקע...

קאָנסועללאָ. (הױך)

לאָז מיך צורו, פּאַפּא. אַזוי װיל איך, און אַזוי װעל איך. זײ אַלע זײנען מײנע פֿרײנד... הערסט: לאָז צורו!

באַראָן.

הערט אויף, גראַף. כ'בעט אײך, רעדט, קאָנסועללאָ, מיט װעמען און װיפיל איר װילט. װילט איר ניט אַ סיגאַר. גראַף? ליבסטער בריקע... באַפֿעלט נאָך פֿאַרלײנגערען דעם אַנטראַקט.

בריקע.

כ'האָרך. באַראָן, דער פֿאַרטער קאָן אַביסעל ברוגז װערען...

ניִיט אַרויס און קוּמט באַלד צוּריק. דער דערלאַנגט קאָנסוּעללאָן אַ בעכער.

דער.

דאָס איז דײַן בעכער. פֿאַר דײַן גליק, פֿאַר דײַן פֿרײַהײַט, קאָנסוּעללאָ!

קאָנסוּעללאָ. (נעמענדיג דעם בעכער)

און וואו איז דײַנער? מען דאַרף קלאַפּען.

דער.

דו וועסט מיר לאָזען אַ העלפֿט.

קאָנסוּעללאָ.

אַזוֹי פֿיל דאַרף איך אויסטרינקען? כ'וועל זײַן שכור, דערעלעט. כ'דאַרף נאָך שפּרינגען.

דער.

ניין, וועסט ניִשט זײַן שכור. מײַדעלע האָסטו פֿאַרגעסען, אַז איך בין דײַן כשוף מאַכער און דײַן טרוים? טרינק רוּיִג, איך האָב דעם ווײַן פֿאַררעדט, אין אים איז כשוף. טרינק, געטין.

קאָנסוּעללאָ. (איבלט ניִשט)

וואָס פֿאַר אַ גוטע אויגען דו האָסט. אָבער פֿאַרוואָס ביסטו אַזוֹי בלאַס?

דער.

דערפֿאַר, וואָס איך ליב דיך. קוּק אין מײַנע גוּטע אויגען און טרינק, גיב זיך אָפּ מײַן כשוף, געטין! דו וועסט אײַנשלאָפֿען און ווידער וועסטו אויפֿוואַכען, ווי אַ מאָל, דו געדענקסט? — און וועסט דערזען דײַן היים, דעם הימעל...

קאָנסוּעללאָ. (צוּטראָגענדיג דעם בעכער צוּ די ליפּען)

כ'וועל אים דערזען, ס'איז אמת?

דער. (וואַרטענדיג נאָך בלאַסער)

יאָ! וואַך אויף, געטין — און דערמאָן יענע צײַט, בעת מיט שוים פֿונם ים פֿלעגסטו פֿון שטראַל־באַשײַנטען ים אַנטשטײַן. דערמאָן יענעם הימעל — און דעם שטילען ווינט

פון מזרח—און די סודות פון שוים ביי דיינע קליינע פיסעלאך...

קאָנסועללאַ. (אויסטרינקענדיג)

אָט. זע: פונקט אַ העלפט! נעם. אָבער וואָס איז מיט דיר?— דו לאַכסט, אָדער וויינסט, דער?

דער.

איך לאַך און וויין.

מאַנטשיני. (לימלס אבשטויסענדיג דערן)

גענוג, גרעפין, מיין געדולד איז אויסגעשעפּט! אויב אָגיוסט איז אַזוי גוט און דערלויבט, בין איך אייער פאָטער... אייער האַנט, גרעפין! טרעט אָפּ, ליבסטער.

קאָנסועללאָ.

כ'בין מיד.

מאַנטשיני.

איר ווערט ניט מיד צו פלוידערן און טרינקען ווין מיט אַ לץ, און בעת אייך רופט דער הוב... בריקע, הייסט געבען דעם קלונג, צייט.

קאָנסועללא.

איך בין מיד, פאַפּא.

זינידע.

הערט אויס, גראַף, ס'איז האַרצלאָזיג: זעט איר ניט, ווי זי איז בלאַס געוואָרען...

באַראָן.

וואָס איז מיט אייך, קאָנסועללא?

קאָנסועללא.

ניין, גאָרניט, סתם אזוי.

זינידע.

זי דאַרף איינפאַך אָפּרויען, באַראָן, זי'ט זיך דאָך נאָך ניט אנידערגעזעצט... און אזא אויפרעגונג... זיץ דאָ, מיידעלע, דעק זיך צו, רו אָפּ אַ ביסעל. מענער זיינען אזוי האַרצלאָזיג!

קאָנסועללאָ.

איך דאַרף נאָך אַרבעטן. (פאַרמאַכנדיק די אויגן) און די רויזן זיינען פאַרטיג?

זינידע.

פאַרטיג, פאַרטיג. די וועסט האָבן אַזאַ אומגעהייערלעכן טעפּיך, וועסט זיך אויפקטראָגן, ווי אין דער לופטן. רו.

מילי.

ווילסט מיוזיק? מיר וועלן דיר שפּילן אַ לידעלע, ווילסט?

קאָנסועללאָ. (שמייכלענדיק מיט פאַרמאַכטע אויגן)

שפּילט.

די קלאָונען שפּילן אַ שפּילכל, נאַאיווע לידעלע: טילי-מילי פּאָלי-פּאָלי. אין דער צייט דער ווינט אין מינוטל אפּגעקערט; ראָזשקעס קריכלען קוקען, דער אַרויס אים, ווייל פֿון רעכטן, דער באַראָן אין זיין נייעמליכער פּאָזע. ברייט אין טירער די פּנים ביזאַרשיינקעס קוקט מיט אויפגעלאָזטע, אומבאַוועגלעכע אויגן אין קאָנסועללאָס בלאַסן פּנים.

קאָנסועללאָ. (בלייבנדיק צוגעשטעלטע)

אַך! ס'טוט מיר וויי.

זינידע.

וואָס איז מיט דיר? קאָנסועללאָ!

מאַנטשינג.

קינד מיינס! ביסט ניט געזונט? באַרויג זיך.

באַראָן. (גייענדיק פּאַמעלעך)

וואַרט... זי האָט זיך אויסגערעגט. קאָנסועללאָ!

קאָנסועללאָ שטייט אויף אין קוקט פאַר זיך מיט ברייט אויפגעעפנטע אויגן, אַזוי ווי זי וואָלט זיך צוהערן צו דעם, וואָס קומט פאַר אינעווייניק.

קאָנסועללאָ.

אַך. ס'טוט מיר וויי. אָט דאָ, וואו ס'איז ס'האַרץ. פּאַפּאַ, וואָס

'איז עס? כ'האָב מורא. וואָס איז עס? און די פּיס... וואָס איז מיט מיינע פּיס? כ'קאָן ניט שטיין.

פאַלט איפן דיוואַן, די אויגן פאַרמאַכט.

מאַנטשיני. (שמאייענדיג)
אַ דאָקטאָר! אַך, גאָט מיינער, ס'איז שרעקליך. אָגיוסט, באַראָן... מיט איר האָט עס קיינמאָל ניט פּאַסירט! ס'איז נערוועֶן, נערוועֶן, באַרואיג זיך, קינד...

בריקע.
דעם דאָקטאָר!

עמיצער לויפט נאָכן דאָקטאָר. דזשעקסאָנס דערשראָקענער קול.

דזשעקסאָן.
דער, וואָס איז מיט דיר? דער.

דער.
ס'איז דער טויט. קאָנסועללאָ. מיין קליינע מלכהלע, כ'האָב דיך דערהרגעט. די — שטאַרבסט. (הויבט שטורמדיג)

קאָנסועללאָ ניט אַ געשריי אין וואָרט, פאַרמאַכענדיג די אויגן, איינגעשטילט. אַלע זיינען פאַרהאַלטעט. דער באַראָן איז אומבאַהעגליך, ער זעט נאָר קאָנסועללאָן.

מאַנטשיני. (ווילד)
די ליגסט... אָשוסט! פאַרפלוכטער קאָמעדיאַנט. וואָס האָסטו איר געגעבען? דו האָסט זי פאַרסמט... מערדער! אַ דאָקטאָר!

דער.
דער דאָקטאָר וועט ניט העלפען. די שטאַרבסט, מיין קליינע מלכהלע קאָנסועללאָ! קאָנסועללאָ!

ס׳קומט געשוויגדס אַרײַן בעזאַנאָ: „דירעקטאָר!“ — ווערט אַנטשווינען און קוקט מיט אימה. ס׳איז נאָך ווער אַרײַן, בריקע מאַכט מיטן האַנט: „די טיר!“.

קאָנסועללאָ. (מיט אַ שטים אַ בלאַסער און אַ ווײַטער)

דו וויצעלסט זיך, דער? שרעק מיך ניט, כ׳האָב אַזוי מורא. ס׳איז דער טויט? — איך וויל ניט. אײַי... דערעלע, ליבינקער דערעלע מײַנער, זאָג, אַז דו וויצעלסט זיך, כ׳האָב מורא... גאָלדענער דערעלע מײַנער!

דער שטויסט באַפעלעריש אָפּ דעם באַראָן און שטעלט זיך אויף זײַן אָרט, איבער קאָנסועללאָן. דער באַראָן שטייט ווי פריהער, זעט נאָר קאָנסועללאָן.

דער.

יאָ, איך לאַך דאָס. הערסטו ניט מײַן געלעכטער, קאָנסועללאָ? דאָ לאַכען אַלע פון דיר... גאַרעלע! ניט לאַך, דזשים, זי איז מיד און וויל שלאָפען... ווי קאָנסטו לאַכען, דזשים! שלאָף אײַן, מײַן טײַערע, שלאָף אײַן, מײַן האַרץ, שלאָף אײַן, מײַן ליבע!

קאָנסועללאָ.

יאָ, מיר טוט איצט ניט ווי. צו וואָס האָסטו אַזוי געשפּאַסט און אָנגעשראָקען מיך? איצט איז מיר קאָמיש. דו האָסט אַליין געזאָגט, אַז איך... וועל... לעבען אייביג...

דער.

יאָ, קאָנסועללאָ! דו וועסט לעבען אייביג... שלאָף אײַן! באַרויג זיך!

אויפהויבענדיג די הענט. שטרײַנגט ער אָן אַלע כחות אַזוי ווי ער אַליין העכער וואָלט ער הויבען איר נשמה.

דער.

ווי לײַכט דיר איז, ווי ליכטיג, וויפיל פײַערן ס׳ברענען אַרום דיר... מען קאָן בלינד ווערען פון ליכטיגקייט!!

קאָנסועללאָ.

יאָ, ס'איז ליכטיג. איז עס די אַרענע?

דער.

ניין, ס'איז דער ים און די זון... וואָס פאַר א זון! פילסטו ניט.
אַז דו ביסט שוים — דער ווייסער שוים פון ים, און דו פּליסט
צו דער זון. ווי לײַכט דיר איז — דו האָסט קיין גוף ניט —
דו פליסט! נאָך העכער, מײַן ליבע!

קאָנסועללאָ.

איך פלי, איך בין דער שוים פון ים, און דאָס איז די זון,
זי שײַנט אזוי... מיר איז גוט.

זי שטאַרבט. מ'שווײַגט.

דער שטייט נאָך מיט אויפגעהויבענע הענט, גיט א קוק — און א וואַרף די הענט נאָך הינטען; גייט שוואַנקענדיג אָפּ. איין מינוט נאָך שטייט ער, נאָבעם זעצט ער זיך, אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ אויף די הענט, קעמפט איינזאַם מיט דער פאַרגליווערטקייט פון קומענדיגען טויט.

בריקע. (שטיל)

זי איז אײַנגעשלאָפען, מוטער?

זינידע. (ארויסלאָזענדיג די טויטע האנט)

כ'האָב מורא, אַז ניין... טרעט אָפּ, לואי. באראָן, פאַר אײַך איז בעסער אָפּטרעטען. באַראָן, איר הערט ניט? (וויינט) לואַי, זי איז געשטאָרבען.

ס'וויינען די קלאָאונען און בריקע. טאַנטשיני איז דערשיטערט: דער באַראָן און דער זײַנען אומבאַוועגליך — יעדער אויף זײַן אַרט.

דזשעקסאָן. (ארויסנעמענדיג א גרויסע, פארביגע קלאַאונישע טיכעל און אפּווישענדיג די טרערען)

פאַרוועלקט, ווי אַ בלימעלע... שלאָף, קאָנסועלעלע. מער איז איצט

ניט געבליבען, ווי די שפורען פון דיינע פיסעלאך אויפן זאמד:
(וויינט) אך, וואס האסטו אנגעמאכט, וואס האסטו אנגעמאכט,
דער! בעסער וואלסט ניט געקומען אהער.

איינך דער ארגע מוזיק.

בריקע. (מאכט מיט דער האנט)
די מוזיק, אפשטעלען די מוזיק. מען איז דארטען פון זינען
אראפ. וואס פאר אן'אומגליק!

עמיצער לויפט ארויס. צום ווייגענדיגען בעזאנא גייט צו זינידע — און גלעט
אים איבערן איינגעבויגענעם אנגעשטירטען קאפ. א קוק טוענדיג, כאפט ער
איר האנט, און דריקט זיך צו צו איר מיט די אויגען. דער באראן, ארויסגעי
טענדיג די רויז פון קלאפע, רייסט שווייגענדיג אפ אירע בלעטלאך און
וארפט אוועק, צוטרעטענדיג מיטן פוס. אין טיר קוקען אריין בלאסע, דער־
שראקענע פנימער — דערזעלבינער המון פון מאסקאראד.

זינידע. (איבער בעזאנאס קאפ)
מען דארף דעם קאמיסאר, לואי.

מאנטשיני. (ארויס פון פארשטיינערקייט, שרייט)
פאליציי, פאליציי אהער. ס'איז א מארד. איך בין גראף מאני־
טשיני! איך בין גראף מאנטשיני! מען וועט דיר אפהאקען דעם
קאפ, גזלן, פארפלוכטער קאמעדיאנט, גנב! איך אליין וועל
דיך דערשלאגען, אשוסט! אך, דו!

דער הויבט מיט מי אויף דעם שווערען קאפ.

דער.
מען וועט אפהאקען דעם קאפ — און ווייטער וואס... איבער
דורכלויכט?

בריקע.

גנעדיגער הער, הערט אויס, גנעדיגער הער, איך גיי נאָכן קאָ־
מיסאַר... גנעדיגער הער! הערט אויף!

דער באַראָן מאַכט אומגעריכט אַ שריט פאָראויס. און קוקענדיג אין די אויגן
רערן, רעדט ער הייזעריג, זיך האַלטענדיג פאַרן האַלז און הוסטענדיג.

באַראָן.

כ'בין אַנ'עדות, כ'האָב געזען. כ'בין אַנ'עדות, כ'האָב געזען,
ווי ער האָט געשאָסן סם. איך...

גייט אויך אַזוי אומגעריכט אַרוים, מיט די זעלבינע גלייכע און שווערע טריט.
פאַרן באַראָן טרעט מען מיט אימה אָפּ. דער לאָזט ווידער אַראָפּ דעם קאָפּ;
איבער זיין קערפער לויפט ציטערנווייז דורך אַ ציטערניש.

דזשעקסאָן. (א פאַטש טוענדיג מיט די הענט)

איז עס פונדעסטוועגען אַנ'אמת? פאַרסמט? אַך, דער, וואָס זשע
ביסטו פאַר אַנ'אויסוואורף: אַזוי שפילט מען? איצטער וואַרט
אויף נאָך איינעם... אויפן לעצטען פאַטש פון הענקער!

תּייזט אַרום זיין האַלז, מיינענדיג די גיליאָטינע. טילי און פאָלי חזרן ניט
ווילענדיג איבער זיין זשעסט.

זינידע.

לאָז צורו זיין נשמה, דזשים. ער איז געוועזען א מאַנסביל און
ט'געליבט... גליקליכע קאָנסועללאָ!..

אין קאָרידאָר — אַ שאָס. ב'גייט אַריין אַ דערשראָקענער טאָמאַס, און באַוויזט
אויפן קאָפּ.

טאַמאַס.

דער באַראָן... דער באַראָן... דעם מח! זיך דערשאָסען!

בריקע. (אויפהויבענדיג די הענט)

גאָט, וואָס איז דאָס? דער באַראָן? וואָס פאַר אַנ׳אומגליק איבער אונזער צירק!

פאַנטשיני.

דער באַראָן, דער באַראָן? — אָבער ניין. אָבער וואָס איז דאָס מיט אייך. אַך!..

בריקע.

באַרויגט זיך, גראף! ווער וועלט עס געקאָנט טראַכטען: אַזאַ... ווילטיגער הער.

דער. (הויבט מיט שווערינקייט אויף דעם קאָפּ, זעט שוואך מיט די פארבלענדטע אויגען)

וואָס נאָך... וואָס האָט פּאַסירט?

טאָמאַס.

דער באַראָן האָט זיך דערשאָסען. עהרען וואָרט: גלייך אהער ליגט.

דער. (באדענקענדיג)

דער באַראָן? (לאַכט) איז דער באַראָן... געפּלאַצט?

דזשעקסאָן.

הער אויף! אַ בזיון. אַ מענטש איז געשטאָרבען און דו... אָבער וואָס איז מיט דיר, דער?

דער שטעהט אויף, אויפגעהויבען אויף די פיס מיטן לעצטען פלאַקער אין פאַרשטאַנד און לעבען; רעדט קרעפטיג און בעס׳דיג.

דער.

דו׳סט זי אזוי געליבט, באַראָן? דו האָסט אזוי געליבט? מיין קאָנסועללאָן? און דו ווילסט מיך דאָרטען אויך אַריבעריאָגען?

ניין! איך גיי! און מיר וועלען דאָרטען ביידע זיך פֿאַרהערען — ווען זי געהערט אויף אייביג.

(אין כאַפּענדיג פֿאַרן האַלז, פֿאַלט ער אַנידער. מען וואַרפֿט זיך צו אים. א געלויף.)

פֿאָרהאַנג.

סוף.

פאַרלאַג
„בר. לעווין־עפּשטיין און שותּפים“.

ורשבסקי יקיר / מן המולדת / רשמי מסע

*

אולינאָווער מ. / דער באָבעס אוצר / לידער
אַנדרעיעוו לעאָניד / דער וואָס קריגט
די פּעטש / אַ פאָרשטעלונג
גוצקאָוו קאַרל / אוריאל אַקאָסטא /
טראַגעדיע
זשיטניצקי ה. ל. / אַנ׳אָוועגד
„ / דעם זיידענס הייזל
„ / נאָוועלען פֿון טויט
חסיד / אונטער שטילע הימלען
פּערלע יהושע / אונטער דער זון
רייזפּעדער יעקב / פּאַרצייטענס

*

Achad Haam / Na rozdrożu / dwa szkice
Bałaban M. Dr. / Z historji Żydów w Polsce / szkice i studja
Hirszhorn S. / Antologja poezji żydowskiej
„ Historja Żydów w Polsce

*

ביטשער סטאָו / אהל תם
„מספרות העמים“
ספריה מנקדת לבני הנעורים
א) קונדורושקין / בנאות החרמונים
ב) קונן דאויל / הסוד הנורא
ג) ויליה די ליל אדן ואדגר פו
האינקביזיציה ומוראותיה
ד) קונן דאויל / הגבן
ה) הוגא ויקטור / קליד גה
ו) קונן דאויל / משרתו של הסרסור

*

בוש ווילהעלם / נאָטעל און מאָטעל
„ / פּאַפּירענע שלאַנג
„ / ראָבען־נעסט
„ / קאָפּעלע און די גענז
דער טונקעלער / דער פּורים־בער /
אַ טעאַטער־שטיק פֿאַר קינדער

WARSZAWA, GĘSIA 5.

TEN KTÓRY JEST POLICZKOWANY.

SZTUKA W 4-CH AKTACH LEONIDA ANDREJEWA. PRZEKŁAD A. MOREWSKIEGO. OKŁADKA H. BERLEWIEGO. WYDAWNICTWO B-CI LEWIN-EPSTEIN I S-KA WARSZAWA, GĘSIA 5.